NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03457

MIRELE UN IRE FRAYND

Sarah L. Liebert

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה ל. ליבערט

מירעלע
און אירע פֿרײַנד

און אַנדערע מעשׂיות

אילוסטרירט פון

מאַשע פישער

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג

איטשע וו. בידערמאַן

ניו־יאָרק, נ. י.

MIRELE AND HER FRIENDS

and Other Stories

By

SARAH L. LIEBERT

Illustrated by

MASHA FISHER

Copyright 1952 by
SARAH L. LIEBERT
New York, N. Y.

Designed by J. Kaminsky
Art Printing, New York, N. Y.

Published by
I. W. Biderman's Book Store
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

166

דאָס קראַנקע הינדעלע

מ״ר פוקס, אַ פאַרמער ניט ווײַט פון באָסטאָן, האָט אַ קליין, מיידעלע. דאָס מיידעלע האָט בלאָנדע געקרײַזלטע האָר, גרויסע בלאָע אויגן און ווײַסע ציינדעלעך. דאָס מיידעלע הייסט מירעלע. מירעלע האָט זייער ליב די גענדז, אינדיקעס און הינער אויף איר פאָטערס פאַרם.

יעדן אין דער פרי טוט זיך מירעלע אָן אַ לאַנגן ברייטן פאַרטעך — איר מאַמעס אַ פאַרטעך. אין פאַרטעך לייגט זי אַרײַן געלע טרוקענע קערנער און גייט מיט איר פאָטער צו די גענדז, אינדיקעס און הינער.

ווען מ״ר פוקס און מירל קומען אַרויס אין הויף הערן זיי שוין דאָס געפילדער פון די עופות.

— „דו הערסט, דו הערסט?״ — זאָגט מ״ר פוקס צו מירעלען, — „דאָס זאָגן זיי אונדז גוט־מאָרגן.״

מירעלע ווערט פריילעך און רופט אויס:

— „גוט־מאָרגן, ליבע גענדז! גוט־מאָרגן, ליבע אינדיקעס! און גוט־מאָרגן, טײַערע הינער און הענדעלעך!״

מ״ר פוקס שליסט אויף די טיר פון דער שטײַג וואו עס געפינען זיך די גענדז. די טיר עפנט זיך אויף און אַלע גענדז קומען צולויפן. מירעלע שטופט זיך דורך דער סטאַדע גענדז וועלכע צופּן זי בײַם קלייד. איין גאַנדז, מיט אַ לאַנגן, ווײַסן האַלדז און אַ רויטן שנאָבל, צופּט מירעלען בײַ דער האַנט, דאָס קושט זי מירעלען און זאָגט מיט איר הייזעריקן ס־ס־ס־ס־ס: „גיכער, מיר ווילן אָנבײַסן.״

אָבער דאָס קליינע מיידעלע מיטן לאַנגן, ברייטן

פֿאַרטעך אײַלט זיך ניט. פּאַמעלעך גייט זי צו צו דער גרויסער בלעכענער שיסל, פֿילט עס אָן מיט געלע, טרוקענע קערנער און זאָגט:

— „נאַט אײַך, עסט און מאַכט ניט קיין געפֿיל־דער."

די גענדז ציִען אויס זייערע לאַנגע העלדזער און שרײַען אויס: „ס־ס־ס־ס־ס!"

מירעלע זאָגט, אַז דער ס־ס־ס־ס־ס מיינט: „מיר דאַנקען דיר, מיידעלע."

מ"ר פֿוקס פֿילט אָן די שיסל ביז צום ראַנד מיט קאָרן, גיסט אַרײַן פֿריש וואַסער אין דעם אײַזערנעם עמער און נעמט מירעלעס האַנט און זאָגט:

— „קום, טאָכטער, צו די אינדיקעס."

מ"ר פֿוקס עפֿנט אויף די טיר פֿון דער שטײַג, וואו די אינדיקעס געפֿינען זיך, אַלע אינדיקעס קומען צו־לויפֿן צו דער טיר. זיי בלאָזן זיך אָן און לאָזן אַראָפּ זייע־רע גרויסע פֿליגל מיט די בלוי־גרינע פֿעדערן און שרײַען אויס:

„האָלדער! האָלדער! האָלדער!"

— „גוט־מאָרגן! גוט־מאָרגן!" — ענטפֿערט מי־רעלע, — „איך ווייס וואָס איר ווילט. איר ווילט קאָרן, קאָרן. נאַט אײַך, עסט און האָלדערט ניט מער."

די אינדיקעס בלאָזן זיך אָבער שטאַרק. דער קאַם פֿון דעם גרעסטן אינדיק איז רויט ווי פֿײַער. ער ציט אויס זײַן האַלדז אַזוי לאַנג ווי ער קען נאָר און רופֿט אויס:

„ה־אָ־ל־ד־ע־ר!" אַלע אינדיקעס העלפֿן אים אונ־טער, „האָלדער! האָלדער! האָלדער!"

באַזאָרגט די אינדיקעס מיט עסן און טרינקען נעמט מ"ר פֿוקס זײַן מיידעלע און זיי גייען צו די הינער. ווי

נאָר זיי קומען צו דער הינערשטײַג דערהערן זיי דאָס קוואָקען פֿון די הינער און דאָס דינע געזאַנג „פּיו, פּיו, פּיו" פֿון די קליינע הינדעלעך. אין דער הינערשטײַג שטייען צוויי שיסלען, אַ גרויסע, פֿאַר די גרויסע הינער, און אַ קליינע, פֿאַר די קליינע הינדעלעך.

מ"ר פֿוקס גייט צו צו דער גרויסער שיסל, און אַלע גרויסע הינער לויפֿן אים נאָך. מירעלע גייט צו צו דער קליינער שיסל, און אַלע קליינע הינדעלעך לויפֿן איר נאָך. אַלע גרויסע הינער זײַנען ווײַס. אַלע קליינע הינדעלעך זײַנען געל. מירעלע ווייס אַז די קליינע הינדעלעך וועלן אויך האָבן ווײַסע פֿעדערן, ווען זיי וועלן ווערן גרויס.

די הינדעלעך עסן און מירעלע שטייט און קוקט אויף זיי. פּלוצלונג גיט מירעלע אַ געשריי:

— „טאַטע, טאַטע!"

מ"ר פֿוקס קומט צו אַ דערשראָקענער און פֿרעגט:

—„וואָס איז, טאָכטער?"

מירעלע ווײַזט אָן אויף אַ קליין, געל הינדעלע וואָס שטייט אויף איין פֿיסל און זי זאָגט וויינענדיק:

— „זע, זע, טאַטע, דאָס הינדעלע האָט נאָר איין פֿיסל."

מ"ר פֿוקס גיט אַ מאַך מיט זײַן גרויסער רויטער האַנט. אַלע הינדעלעך לויפֿן אַוועק פֿון דער שיסל. נאָר איין הינדעלע לויפֿט ניט, נאָר שפּרינגט אויף איין פֿיסל. מ"ר פֿוקס נעמט דאָס הינדעלע וואָס שפּרינגט אויף איין פֿיסל אין זײַנע הענט. ער באַקוקט עס און זאָגט:

— „דאָס הינדעלע האָט אַ געשוואָלן פֿיסל." דאָס הינדעלע האָט באַקומען אַ ביס פֿון אַ פֿליג, ווייסטו גאָר וואָס, מירעלע? נעם דאָס הינדעלע אַרײַן אין שטוב

און דו ווער דער הינדעלעס דאָקטער און קראַנקן־
שוועסטער. אַז דו וועסט דאָס הינדעלע געזונט מאַכן,
וועסטו עס קריגן צו דײַן געבוירנטאָג אין אַ חודש אַרום.״
מירעלע נעמט דאָס הינדעלע פֿון איר פֿאָטערס
הענט, גיט עס אַ קוש און זאָגט:
— „איך וועל עס געזונט מאַכן, איך וועל עס גע־
זונט מאַכן. איך נעם מײַן הינדעלע גלײַך אין שטוב
אַרײַן און ווער דעם הינדעלעס דאָקטער און קראַנקן־
שוועסטער.״



דער שפּיטאָל

מירעלע קומט אַרײַן אין שטוב און ווײַזט דער מאַמען דאָס קראַנקע הינדעלע מיטן געשוואָלן פּיסל און זאָגט:

— „מאַמע, דו ווייסט? איך בין איצט אַ דאָקטער און אַ קראַנקן־שוועסטער. איך גיי הײַנט פֿון שטוב ניט אַרויס. זאָג מיר, מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן אַצינד? איך וויל אויסהיילן מײַן הינדעלעס וואונד.“

די מאַמע באַקוקט דאָס פּיסל און זאָגט:

— „נעם אַ קליין שיסעלע און וואַש אָפּ דעם הינדעלעס פּיסעלע. און ברענג...“

מירעלע לאָזט דער מאַמען ניט רעדן ווײַטער און זי רופֿט אויס:

— „איך ווייס, מאַ, איך ווייס וואָס צו טאָן. איך געדענק ווי אַזוי דו האָסט געזונט געמאַכט אונדזער ברוינעם הונט. מע דאַרף אָפּוואַשן דאָס פּיסל מיט וואַרעמע וואַסער און „וויטשהייזל“, דערנאָך דאַרף מען באַשמירן מיט אַ געלן זאַלב. און דערנאָך פֿאַרבאַנדאַזשירן דאָס קראַנקע פּיסל מיט אַ ווײַסן ריינעם באַנדאַזש. יאָ, מאַמע, דאָס דאַרף איך באַלד טאָן, וועט זיך הינדעלעס וואונד געשווינד אויסהיילן.“

די מאַמע קוקט אויף מירעלען און זאָגט:

— „דאָס, קינד, דאַרף מען טאַקע טאָן צו ראַטעווען דאָס הינדעלע. איך וועל עס אָבער טאָן אַליין, ווײַל דו ביסט נאָך צו קליין.“

אָבער מירעלע וויל גאָרניט הערן, זי צעוויינט זיך און זאָגט:

— „איך וויל זײַן אַ דאָקטער און אַ קראַנקן־שוועס־טער. דו וועסט זען אַז איך קען.“

געזאָגט און געטאָן. מירעלע לויפֿט אַרײַן אין קיך און נעמט אַ שיסעלע; זי לויפֿט אין באָד־צימער און נעמט פֿון דער מעדעצין־שאַפֿקע אַ פֿלאַש מיט „וויטש־הייזל“, אַ סלויִאיקל מיט געלע זאַלב, אַ שערעלע און אַ לאַנגן באַנדאַזש; זי לייגט די אַלע זאַכן אַרײַן אין דעם ברייטן פֿאַרטעך וואָס זי טראָגט. זי בלײַבט שטיין און קוקט זיך אַרום. זי ווייס ניט וועלכן צימער זאָל זי מאַכן פֿאַר אַ שפּיטאָל.

אַז זי איז אַ דאָקטער און אַ קראַנקן־שוועסטער, דאַרף זי האָבן אַ שפּיטאָל. מירעלע טראַכט אָבער ניט לאַנג. זי נעמט אַלע זאַכן צו זיך אין איר קליין צי־מערל.

זי גייט אַרויס אין הויף. ברענגט אַרײַן אַ קעסטל, אין וועלכן מע פּאַקט אייער. מירעלע לייגט אַרײַן אין קעסטל אַ ביסל היי און שטעלט עס אַוועק אין אַ ווינקל פֿון צימער. לעבן קעסטל שטעלט מירעלע אַוועק אַ שטול. אויפֿן שטול שפּרייט זי אויס אַ ווײַסן ריינעם האַנטעך. מירעלע שטעלט אַוועק אַלע זאַכן אויפֿן שטול. זי קוקט זיך אַרום און איז צופֿרידן פֿון איר אַרבעט.

אָבער פּלוצלונג ווערט מירעלע אומעטיק. זי דער־זעט זיך אין שפּיגל, זי גייט ניט אָנגעטאָן ניט ווי אַ דאָקטער און ניט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, און זי זאָגט צו זיך:

— „איך בין דער דאָקטער פֿון שפּיטאָל, דאַרף איך אָנטאָן ווײַסע הויזן און אַ ווײַס רעקל, און דאָס האָב איך ניט. בין איך די קראַנקן־שוועסטער, דאַרף איך אָנטאָן אַ ווײַסן פֿאַרטעך און אַ ווײַס הײַבל אויפֿן קאָפּ,

און איך האָב ניט קיין הײַבל, און דערצו ווי קען איך זײַן אי דער דאָקטער, אי די קראַנקן־שוועסטער? ווי אַזוי קאָן איך אָנטאָן הויזן, אַ ראָק, אַ פֿאַרטעך און אַ הײַבל אין דער זעלביקער צײַט?

זי צעלאַכט זיך, לויפֿט צו צו דער מאַמען און פֿרעגט:

— מאַמע, ווי קאָן איך זײַן דער דאָקטער און די קראַנקן־שוועסטער אין דער זעלביקער צײַט. דער דאָקטער דאַרף טראָגן הויזן און די קראַנקן־שוועסטער אַ הײַבל. און איך האָב ניט קיין הויזן און ניט קיין הײַבל, אַלץ וואָס איך האָב איז אַ ווײַס קליידל און אַ ווײַסן פֿאַרטעך."

די מאַמע שמייכלט און זאָגט:

— „דו קענסט, מײַן קינד, זײַן ביידע זאַכן אין דער זעלביקער צײַט. עס זײַנען דאָ פֿרויען־דאָקטוירים. די פֿרויען־דאָקטוירים טראָגן ניט קיין הויזן. זיי גייען אָבער אָנגעטאָן אין ווײַסן. דאָס, טאָכטער, קענסטו אויך באַוויַזן. טו אָן דײַן ווײַס קליידל, און פֿון אַ נאָז־טיכל מאַך זיך אויפֿן קאָפּ אַ הײַבל."

מירעלע הערט דאָס און שפּרינגט אונטער פֿאַר פֿרייד. זי לויפֿט פֿון איין צימער אין צווייטן. אין איין מינוט איז זי אַ דאָקטער און אַ קראַנקן־שוועסטער.

אויסגעפּוצט אין אַ ווײַס קליידל און אויפֿן קאָפּ אַ הײַבל, נעמט מירעלע דאָס קראַנקע הינדעלע און פֿאַמעלעך און זייער פֿאָרזיכטיק באָדט זי דאָס געשוואָלענע פּיסעלע, נאָכן באָדן באַשמירט מירעלע דאָס פּיסעלע מיט זאַלב, פֿאַרבינדט עס אַרום מיט אַ באַנדאַזש און לייגט עס אין קעסטל אַרײַן.

אָפּגעטאָן די אַרבעט, זעצט זיך מירעלע אַוועק אויף אַ נידעריק בענקעלע. זי רוקט עס צו צום קעסטל, דעם

הינדעלעס בעטל. קומט צופֿליִען אַ פֿליג — טרײַבט עס מירעלע אַוועק.

לאַנג זיצט מירעלע און היט איר הינדעלע. מירעלע איז שוין הונגעריק, זי איז מיד פֿון טרײַבן די פֿליגן. אין צימער איז שטיל. דורכן פֿענצטער קוקט די זון אַרײַן, און ביידע, דאָס הינדעלע און דאָס מיידעלע שלאָפֿן אײַן.



די קעצעלעך

הײַנט איז מירעלע זייער פֿריילעך. וואָס איז? ערשטנס, ווײַל דאָס קליינע הינדעלע פֿילט זיך בעסער. דאָס פֿיסל איז שוין ניט געשוואָלן און דאָס הינדל קען שוין גיין אויףביידע פֿיסלעך אַנשטאָט צו שפּרינגען אויף איין פֿיסל. צווייטנס, ווײַל „פּינקי" די גרויסע געלע קאַץ, וואָס מירעלע האָט זי אַליין אויסגעהאָדעוועט, האָט געהאַט פֿיר קליינע קעצעלעך. מירעלע שפּרינגט און זינגט פֿאַר גרויס פֿרייד. אַלע פֿינף מינוט לויפֿט מירעלע קוקן אויף די קליינע קעצעלעך. זי שטייט און קוקט ווי די מאַמע־קאַץ לעקט און וואַשט די נײַ־געבאָרענע קעצעלעך. זי זעט ווי די קליינע קעצעלעך מיט די נאָך בלינדע אייגעלעך, טוליען זיך צו דער מוטער און קריכן אַרויף און אַראָפּ.

מירעלע רעדט צו דער מאַמע־קאַץ:

— „פּינקי, טײַערע, ווילסט אַ ביסל מילך?" — און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, נעמט מירעלע אַרויס פֿון דער שאַפֿע אַ שיסעלע, גיסט עס אָן מיט מילך און זאָגט:

— „נאַ, פּינקי, טרינק פֿרישע מילך, נאָר וואָס פֿון דער קו."

פּינקי הערט ניט וואָס מירעלע זאָגט. זי איז איצט אַ מאַמע פֿון פֿיר קינדערלעך. זי איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט באָדן און וואַשן די קליינע קעצעלעך.

מירעלע בייגט זיך אײַן און וויל נעמען אַ קעצעלע. פּינקי, ווי נאָר זי דערזעט מירעלעס האַנט אין קעסטל, בלאָזט זי זיך אָן. זי שטעלט אויס אַ פּאָר גרינע, בייזע

אויגן. איר לאַנגער דינער עק ווערט שטײַף. אויף מי־רעלען פֿאַלט אָן אַ שרעק. זי וויל אַרויסנעמען די האַנט פֿון קעסטל, ווייס זי ניט ווי אַזוי, ווײַל אַ קליין קעצעלע ליגט שוין אין איר האַנט. און פּינקי קוקט אויף איר מיט אַזוינע בייזע אויגן. די ווײַסע, לאַנגע וואָנצעס אַרום פּינקיס מויל ווערן לענגער און שטײַפֿער. אָט, אָט, טראַכט מירעלע, כאַפּט פּינקי אָן איר האַנט און בײַסט זי אײַן. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? זי ווייס, אַז זי וויל ניט טאָן קיין שלעכטס, ניט פּינקין און ניט די קעצעלעך. זי וויל זיי בלויז אַ גלעט טאָן. יאָ, בלויז איין גלעט טאָן. פֿאַרוואָס קוקט פּינקי אויף איר מיט אַזוינע בייזע אויגן?

אָבער מירעלע קריגט ניט קיין ענטפֿער אויף די פֿראַגעס. איר רעכטע האַנט ליגט נאָך אַלץ אין קעסטל. אין שטוב איז שטיל. מירעלע קוקט זיך אַרום. זי זוכט עפּעס. זי ווייס ניט וואָס. זי קוקט אויף דער טיר, אויף



דער וואַנט, נאָר ניט אין קעסטל, וואו עס ליגט און ציטערט איר האַנט. פּלוצלונג פאַלן מירעלעס אויגן אויף דעם גלעזערנעם טעלערל מיט מילך. פּאַמעלעך הייבט זי אויף מיט דער לינקער האַנט דאָס טעלערל מיט מילך, טראָגט עס צו צו פּינקיס מויל און זאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטים:

— „פּינקי, טײַערע, טרינק אַ ביסל מילך. די מאַמע זאָגט, אַז פון מילך ווערט מען שטאַרק. טרינק פּינקי.“

פּינקיס אויגן ווערן מילדער, פרײַנדלעכער. דער בייזער בליק פאַרשווינדט, גייט אַוועק און נעמט מיט מירעלעס שרעק.

מירעלע קוקט אויף פּינקי, האַלט דאָס שיסעלע מיט מילך אונטער איר מויל און וואַרט. פּינקי זעט גאָרניט. זי פאַרמאַכט די אויגן און ציט זיך אויס אין קעסטל. מירעלען דאַכט זיך, ווי די קאַץ זאָגט: „לאָז מיך צו רו, איך בעט דיך.“

מירעלע לאָזט זי צו רו. זי נעמט אַרויס איר האַנט פון קעסטל און גייט אַוועק. מירעלע נעמט זיך שפּילן מיטן הינדל. זי נעמט אַראָפּ דעם באַנדאַזש פון הינדלס פיסל. זי זעט, אַז די וואונד איז שוין אין גאַנצן פאַרהיילט. זי באַקוקט דאָס הינדל פון אַלע זײַטן. פּלוצלונג גיט מירעלע אַ געשריי: „טאַטע!“ און לויפט אַרויס פון הויז.

זי לויפט איבערן הויף און שרײַט:

— „טאַטע!“

זי לויפט אַרײַן אין סאָד וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ צאָם פון שטעכיקע דראָטן. אינעווייניק וואַקסן אַלערליי פרוכט. מירעלע לויפט אַרײַן אין סאָד דורך

דער אָפֿענער פֿאַרטקע און רופֿט מיט אַ ווייענדיקער שטים:

— „טאַטע! טאַטע!"

מיסטער פֿוקס קריכט אַראָפּ פֿון אַ הויכן עפּלבוים, לויפֿט אַנטקעגן זײַן טעכטערל און פֿרעגט:

— „וואָס איז, שטיפֿערקע?"

מיט טרערן אין די אויגן זאָגט מירעלע:

— „זע, טאַטע, דאָס הינדעלע קריגט געלע פֿעדערן. זע, די שפּיצן פֿון די פֿליגעלעך זײַנען שוין פֿול מיט פֿעדערן. אָבער, זיי זיינען געל און אונדזערע הינער זײַנען ווײַסע, און דאָס הינדעלע איז געל. איך וויל ניט קיין געל הינדל. איך וויל אַ ווײַס הינדל."

מירעלע רעדט און טרערן פֿאַלן פֿון אירע אויגן. זיי רינען איבער די באַקן, זיי לויפֿן גיך איינע נאָך די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ וועטלויף, ווער פֿון זיי וועט אָנקומען פֿריִער צו מירעלעס האַלדז.

מיסטער פֿוקס צעלאַכט זיך. ווען מירעלע קומט צו אים מיט אַ געוויין, צעלאַכט ער זיך. אַז מירעלע זעט, ווי איר פֿאָטער לאַכט, פֿאַרשעמט זי זיך, לאָזט אַרונטער די אויגן צו דער ערד און הייבט אויך אָן לאַכן. נו, אַז מירעלע לאַכט שוין, נעמט מיסטער פֿוקס זײַן טאַשן־טיכל, ווישט אָפּ מירעלעס טרערן און זאָגט:

— „דו נאַרישע שטיפֿערקע, דאָס הינדל איז ניט געל. עס איז בלאָנד ווי דו. דאָס האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ ברוין איי אין אינקובאַטאָר, אַז דו זאָלסט האָבן אַ בלאָנד הינדל ווי איך האָב אַ בלאָנד טעכטערל. דאָס איז אַן איינאיינציק בלאָנד הינדל ווי דו ביסט אַן איינאיינציק בלאָנד טעכטערל בײַ מיר. דו פֿאַרשטייסט, שטיפֿערקע?"

מירעלע האָט ליב צו הערן ווי איר פֿאָטער רעדט צו איר ווי צו אַ גרויס מיידל.

מיסטער פֿוקס וואַרט ניט אויף קיין ענטפֿער. ער נעמט זײַן טאָכטער ביי דער האַנט און רעדט ווײַטער:

— „דו ווייסט, מירעלע, דער האַרבסט איז שוין דאָ. מיר האָבן אַ סך אַרבעט אין סאָד, אין פֿעלד און אין גאָרטן. מיר מוזן אַראָפּנעמען די פֿרוכט פֿון די ביי־מער, די תּבֿואות פֿון די פֿעלדער, דאָס גרינס פֿון גאָרטן. מיר מוזן עס טאָן איידער די פֿרעסט קומען אָן. דו דאַרפֿסט אַ ביסל צוהעלפֿן אין דער אַרבעט. הײַנט רײַסן מיר די עפּל, מאָרגן די באַרן און איבערמאָרגן די פֿלוימען. זעסט, סעם און בערל פֿון דער אַנדערער פֿאַרם העלפֿן אויך. מען מוז עס טאָן גיך, איידער די פֿרעסט קומען אָן, אַניט וועלן מיר בלײַבן אָן אָן עפּל און אָן אַ באַר און אָן אַ פֿלוים דעם גאַנצן ווינטער.

דערהערט ווינטער, גיט מירעלע אַ שפּרונג און פֿרעגט: „טאַטע, ווינטער איז חנוכּה, ניט אמת?"

— „יאָ", — ענטפֿערט מיסטער פֿוקס.

— „טאַטע, חנוכּה פֿאָרט די מאַמע אין שטאָט?

— „יאָ" — ענטפֿערט מיסטער פֿוקס.

— „איך פֿאָר מיט מאַ? יאָ, טאַטע?"

מיסטער פֿוקס קוקט אויף זײַן טעכטערל און ענט־פֿערט: — „יאָ, דו פֿאָרסט, אָבער פֿאַרגעס ניט אַז איצ־טער איז ערשט האַרבסט. זע, אַלע אַרבעטן, נאָר דו אַליין פֿאַרגעסט: אַז געבראָטענע טײַבעלעך פֿליִען ניט אין מויל אַרײַן. אויב דו ווילסט עפּל אויף ווינטער, טאָ העלף זיי אויפֿקלײַבן און לייגן אין די פֿעסער. אַז דו וועסט צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט, וועלן די עפּל דיר שמעקן בעסער.

מיסטער פֿוקס קלעטערט אַרויף אויפֿן סאַמע שפּיץ

פֿון עפּלבוים. ער גיט אַ שאָקל דעם צווײַג און עס הייבן אָן פֿאַלן עפּל. עפּל פֿאַלן אויף מירעלעס פּלייצע, זיי פֿאַלן אויף מירעלעס קעפּל. מירעלע קלײַבט די עפּל, זי לייגט זיי אַרײַן אין דעם גרויסן קויש. זי טראַכט פֿון די קליינע קעצעלעך און איר איז גוט און גרינג. אַזוי גוט און אַזוי גרינג!

מירעלעס געבוירנטאָג

— „מירעלע, מירעלע שטיי אויף, היינט איז דיין געבוירן־טאָג.״

מירעלע עפנט די אויגן און זעט אַז איר מוטער, אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל, שטייט און וועקט זי.

— „וואוהין גייסטו, מאַמע?״ — פרעגט מירעלע נאָך אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענע.

— „דו ווייסט ניט, אַז היינט איז דיין געבוירן־טאָג? איך גיי אין קראָם איינקויפן. דער טאַטע האָט פאַרבעטן אַלע פאַרמערס צו דיין געבוירן־טאָג.

מירעלע שלעפט פאַמעלעך אַרויס איין פוס פון אונטער דער קאָלדרע, דערנאָך דעם צווייטן און בלייבט זיצן פאַרטראַכט אויפן ראַנד פון בעט. פלוצלונג פרעגט זי:

— „מאַמע, ווי אַלט בין איך, זיבן, צי אַכט יאָר?״

— „וואָס?! דו ווייסט ניט ווי אַלט דו ביסט?״ — פרעגט די מאַמע אַ ביסל פאַרוואונדערט — „היינט, טאָכטער, ווערסטו דאָך אַכט יאָר. דו ביסט שוין ניט קיין „בייבי״.

מירעלע נעמט אַרום די מוטער מיטביידע הענטעלעך און זאָגט:

— „מאַמע, נאַ דיר אַכט קושן פאַר מיינע אַכט יאָר״.

— „זע אַן איינפאַל, טו זיך בעסער אָן און מאַך עס גיך. אַז ניט גיב איך דיר באַלד אַכט פעטשלעך. ניין, ניין, איינעם פאַרן קומעדיקן יאָר.״

און די מאַמע נעמט זיך טאַקע גלייך צו דער אַר־

בעט. אָבער מירעלע איז פֿלינקער פֿון איר מאַמען. איידער איר מאַמע גיט זיך אַ ריר, באַהאַלט זי זיך אונ־טער דער קאָלדרע און שרײַט אויס:

— כאַ! כאַ! וואו זײַנען מײַנע פּעטש?״

די מאַמע טאַפּט מיט די הענט די קאָלדרע. אָבער מירעלע רוקט זיך גיך פֿון איין עק בעט צום אַנדערן, און צום סוף לאָזט זי זיך אַרונטער פֿון דער צווייטער זײַט פֿון בעט אויפֿן דיל. זי ציט זיך אויס אונטערן בעט, כאַפּט איר מוטערס פֿיס, האַלט זיי פֿעסט און שרײַט אויס:

— „מאַמע, וואו זײַנען מײַנע פּעטש?״

מר״ס פֿוקס בייגט זיך אײַן און וויל כאַפּן איר שטיפֿעריש טעכטערל. אָבער מירעלע איז שוין אויף דער צווייטער זײַט בעט. בלויז דאָס קעפּל זעט זיך אַרויס.

— „מאַמע כאַפּ מיך, כאַפּ מיך. אוי איז דאָס אַ פֿײַ־נע שפּיל און...״

מירעלע פֿאַרענדיקט ניט איר זאַץ, זי גיט פּלוצלונג אַ געשריי:

— „אוי...״

זי קוקט זיך אַרום. זי דערקענט די הענט וואָס האַלטן זי בײַ די פֿיס. זי ווייס ווער דאָס איז. דאָס איז דער טאַטע. ער גיט אַ רוק דאָס בעט און הייבט אָן ציילן:

— „איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף, זעקס, זיבן, אַכט, נײַן.״

מ״ר פֿוקס פּאַטשט און ציילט און מירעלע לאַכט.

מ״ר פֿוקס זעצט זיך אויפֿן בעט, נעמט זײַן טעכ־טערל אויף די קני און זאָגט:

— „און איצט שטיפֿערקע מײַנע, נאַ דיר נײַן קושן און טו זיך אָן; וואַש זיך אײַן און גיי עסן אָנבײַסן.״

נאָכן אָנבײַסן לויפֿט מירעלע אַרויס אין הויף. זי באַזוכט אירע פֿרײַנד: די גענדז, די קאַטשקעס, די אינדיקעס, די הינער און זי זאָגט זיי אָן אַז הײַנט איז איר געבוירן־טאָג. אין דער הינערשטײַג פֿאַרברענגט מירעלע אַ לענגערע צײַט. זי נעמט דאָס געלע הינדעלע און זעצט עס אַוועק ווי אַ קינד אויף אירע קני. דאָס קעפּל נעמט זי אַרײַן אין אירע בײדע הענטלעך, קוקט דעם הינדל אין די אויגן אַרײַן און זאָגט:

— „טשיקי, הײַנט ווערסטו מײַנע און דו מוזסט מיך פֿאָלגן. דו מוזסט ווערן אַ גרויסע הון און לייגן אַ סך אייער און אויסברי̇ען הינדעלעך."

מירעלע רעדט און דאָס הינדעלע פּינטלט מיט די אייגעלעך.

— „גוט, דו זאָגסט צו, דײַנע אייגעלעך זאָגן דאָס מיר."

עס דערהערט זיך דאָס אָנקומען פֿון אַן אויטאָמאָביל. מירעלע לאָזט גיך אַראָפּ טשיקין און לויפֿט אַנטקעגן דעם אויטאָמאָביל. דער אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ. עס גייען אַרויס די מומע בעלאַ און דער פֿעטער סעם מיט זייערע דרײַ קינדער. אַלע טראָגן זיי פּעקלעך.

מירעלע ווייס אַז דאָס זײַנען מתנות צו איר געבוירן־טאָג און זי נעמט זיך טאַקע עפֿענען די פּעקלעך. אָבער מ"ר פֿוקס איז שוין אויך דאָ. ער נעמט אַרויס די פּעקלעך פֿון מירעלעס הענט און זאָגט:

— „פּעקלעך עפֿנט מען ניט אין הויף נאָר אין שטוב."

אין שטוב נעמט זיך די מומע בעלאַ צו דער אַר־

בעט. זי פֿאַרפּוצט דאָס עסצימער מיט קאָלירט פּאַפּיר. עס קומען אָן נאָך אויטאָמאָבילן. מירעלע לויפֿט אַנט־קעגן יעדן אויטאָמאָביל. זי כאַפּט אַ קוק צי אין אויטאָ־מאָביל ליגט אַ פּעקל און לויפֿט אַוועק אַ צופֿרידענע צו די קינדער וואָס שפּילן זיך אין הויף, גיט אַ פּאַטש מיט די הענטלעך און זאָגט שטיל:

— „עס איז דאָ, זיי האָבן מיר עפּעס געבראַכט."

אין שטוב איז אַ טומל. יעדע מינוט אַן אַנדער „האַלאָ" פֿון אַ צוגעקומענעם גאַסט. אין מיטן שטוב שטייט אַ טיש איבערגעדעקט מיט אַ ווײַסן טישטעך. אויפֿן טיש איז יעדער שטיקעלע אָרט פֿאַרנומען. דאָ אַ טעלער מיט באַרן און עפּל, דאָ אַ טעלער מיט מאַ־ראַנצן, דאָ אַ טעלער מיט קיכלעך. בײַם ראַנד פֿון טיש שטייען רויטע פּאַפּירענע קיישעלעך אָנגעפּילט מיט ניס, ראָזשינקעס, מאַנדלען און קאָלירטע צוקערלעך די גרייס ווי אַרבעסלעך. די קיישעלעך ווינקען צו די קינדער שטילערהייט:

„קומט, נעמט אונדז — מיר שטייען און וואַרטן אויף אײַך."

מר"ם פּוקס קומט אַרײַן אין עסצימער, קוקט זיך אַרום, נעמט מירעלען בײַ דער האַנט און זאָגט:

— „קום טאָכטער, טו אָן דאָס נײַע קליידל."

עס דויערט ניט לאַנג און מירעלע קומט אַרויס אויסגעפּוצט אין גאַנצן אין ווײַסן. נאָר די שיך זײַנען ניט פֿאַרבונדן, די האָר ניט פֿאַרקעמט, און אין האַנט האַלט זי אַ לאַנגע בלויע סטענגע. די געסט צעלאַכן זיך, דער פֿעטער סעם זאָגט:

— „אָ, מירעלע קען זיך נאָך ניט פֿאַרבינדן די שיך."

די מומע בעלאַ רופֿט מירעלען צו צו זיך און פֿאַר־

בינדט איר די שיך. זי פֿאַרקעמט איר די האָר. זי מאַכט אַ גרויסן שלייף פֿון דער בלויער סטענגע און זאָגט:

— „איצט גיי נעם אויף דײַנע געסט. נאָר פֿאַרגעס ניט צו זאָגן אַ דאַנק פֿאַר יעדער מתנה.”

מירעלע גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און פֿאַרשווינדט.

ענדלעך זעצט מען זיך צום טיש. מען זעצט אויס די קינדער, עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער:

— „מירעלע, קום זעץ זיך אויבנאָן.”

אָבער מירעלע איז ניטאָ. מען רופֿט העכער:

— „מירעלע! מירעלע!” — ניטאָ קיין ענטפֿער.

מ״ר פֿוקס גייט אַרום אין הויז. ער זוכט אין אַלע שטאַלן, אין אַלע קאַמערן. עס איז ניטאָ קיין שפּור פֿון מירעלען. ער קומט צוריק אַרײַן אין שטוב און זאָגט:

— „מירעלע איז אַ שטיפֿערקע. אַז זי וויל באַהאַלט זי זיך אין מיטן דרינען. דאָס אז בײַ איר אַזאַ שפּיל.”

זוכט מען אין די שאַפֿעס, אונטער די טישן, הינטער די טירן, אין יעדער ווינקעלע פֿון הויז. אָבער מירעלע איז ניטאָ. פֿאַרשוואונדן ווי אין וואַסער. אַלע זײַנען דער־שראָקן, אַלע טראַכטן וועגן איין זאַך, נאָר זיי האָבן עס מורא אַרויסצוזאָגן. מר״ס פֿוקס לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול און גיט אַ געשריי:

— „רופֿט די פּאָליצײַ, אפֿשר האָט מען מײַן קינד געקידנעפּט.”

אין שטוב ווערט אַ שושקערײַ. „אפֿשר געקיד־נעפּט, אפֿשר געקידנעפּט”?

מ״ר פֿוקס נעמט דעם טעלעפֿאָן אין האַנט און ער וויל טעלעפֿאָנירן. ער רופֿט:

— „האַלאָ, האַלאָ, איך וויל די פּאָליצײַ.”

פּלוצלונג הערט זיך אין צימער אַ פֿרייד־געשריי:

— „מירעלע!"

מירעלע שטייט בײַ דער טיר און האַלט בײַ דער האַנט אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר. זי קוקט זיך אַרום. לויפֿט צו צו איר טאַטן און זאָגט אַ ברוגזע:

— „טאַטע, דו האָסט פֿאַרבעטן אַלע קינדער און פֿאַרגעסן צו רופֿן מײַן פֿרײַנד דזשאַני סמיט. איך האָב געמוזט אַליין גיין נאָך אים. איצט קאָנען מיר אָנהייבן די שמחה."

מירעלע נעמט דזשאַנין בײַ דער האַנט און גייט צו צום אויבנאָן פֿון טיש. זי רוקט צו אַ שטול און זעצט אַוועק דזשאַנין לעבן זיך און זאָגט:

— „טאַטע, איך האָב צוגעזאָגט מר"ס סמיט, אַז באַלד נאָך דער סעודה וועל איך דזשאַנין ברענגען אַהיים."

די מומע בעלאַ איז די ערשטע וואָס קומט צו זיך. זי גייט צו צום טיש און גיט אַ קאָמאַנדע:

— „קינדער, הייבט אָן!"

אַלע קינדער מיט אַ מאָל לאָזן אַרויס אַ הילכיקן געשריי:

— „אַ פֿריילעכן געבוירן־טאָג דיר, מירעלע."

די מומע בעלאַ רוקט צו דעם רונדיקן שאָקאָלאַד־

טאָרט מיט די ליכטעלעך צו מירעלען און הייסט איר בלאָזן אויף די ליכטלעך. מירעלע בלאָזט און אַלע אין שטוב שרייַען: „איינס, צוויי, דריַי, פיר."

אויסגעבלאָזן, נעמט מען זיך עסן די גוטע זאַכן. עס ווערט פריילעך. מען קלאַפּט און מען זינגט לידעלעך. דזשאַני זיצט און קוקט זיך אַרום. ער רעדט גאָרניט, ווי ער וואָלט געווען שטום. נעמט אים אָן מירעלע פאַר דער האַנט און זאָגט מיט אַ פריַינדלעכן טאָן:

— „דזשאַני קען ניט קיין איינציק יידיש לידל. ער קען אָבער ענגליש, וועט ער זינגען ענגלישע לידער."

אַלע קינדער קלאַפּן מיט די הענט און שרייַען:

— „דזשאַני אַ לידל!"

דזשאַני שטעלט זיך אויפן שטול און הייבט אָן:

— „דזשעק ענד דזשיל, דזשעק ענד דזשיל." — אָבער, וויַיטער גייט עס ניט, הייבט ער אָן אויף ס'נייַ:

— „דזשעק ענד דזשיל" — און ווערט פּלוצלונג שטיל. דערנאָך לאָזט ער אַרויס אַ געוויין. די מומע בעלאַ נעמט אים איַין. זי הייסט אים עסן די גוטע זאַכן און הייבט אָן זינגען אַ לידל פון וועלכן אַלע קינדער לאַכן, אין שטוב ווערט פריילעך. די קינדער שריַיען און קלאַפּן מיט די הענט און פאַרברענגען ביז שפּעט אין אָוונט.

ווינטער אין דאָרף

שוין פיר טעג ווי דער שניי, געיאָגט פון ווינט, דרייט זיך, טאַנצט, שפּרינגט און צום סוף ליגט ער זיך אַוועק אַ מידער אויף ביימער, אויף דעכער, אויף פעלדער, אויף דעם טײַכל וואָס איז איצט איין שטיק אײַז און וואַרט אַז די קינדער זאָלן קומען זיך גליטשן אויף אים.

און מירעלע, וואָס טוט מירעלע?

שוין דרײַ טעג ווי זי גייט ניט אין סקול. די וועגן צו דער סקול זײַנען פאַרשאָטן מיט שניי, און דער אָמניבוס וואָס פירט די קינדער אין סקול קען אַפילו ניט צוקומען צו זיי. איז די סקול פאַרמאַכט און די קינדער זײַנען אין דער היים.

מירעלע געפינט אָבער וואָס צו טאָן. זי מאַכט אַ סקול בײַ זיך אין קיך. זי זיצט אויפן דיל, ניט ווײַט פון אויוון, וואו די קעצלעך ליגן און וואַרעמען זיך. לעבן איר אויף אַ קליין בענקעלע זיצט איר נײַע ליאַלקע וואָס זי האָט געקראָגן צו איר געבוירן־טאָג. עס ליגן נאָך אַנדערע שפּילצײַג אויפן דיל. מירעלע איז שטאַרק פאַרנומען מיט צוטראַכטן אַ נײַע שפּיל. זי בלעטערט דעם גרויסן קאַטאַלאָג פון „סירס און ראָבעק." דאָס איז אַ בוך אין וועלכן עס געפינען זיך בילדער פון פאַרמאַשינען, מעבל, געשיר, קליידער, שיך, וועש, זאָקן, היט, הענטשקעס, אויטאָמאָבילן, שפּילערײַען, סקול־מעבל, שרײַב־מאַטעריאַלן, שפּײַז — קורץ, אַלץ וואָס מענטשן דאַרפן. אונטער יעדן בילד איז דאָ אַ נומער און דער פּרײַז פון דער זאַך וואָס דאָס בילד אילוסטרירט.

מירעלע זיצט אויף דעם דיל מיטן בוך אויף די קני,

מיט אַ שערעלע אין האַנט און שערט. זי שערט אויס: אַ טיש, שול־בענקלעך, אַן אויוון, אַ שול־ברעט, אַ גלאָז־בוס, ביכער, פּאַפּיר, בלײַ־פֿעדערס, קרײַד, אַן עמער אויף צו האַלטן וואַסער. אַלץ אַזוינע זאַכן וואָס זײַנען דאָ אין מירעלעס סקול. זי שערט אויך אויס קליינע מיידעלעך אין קורצע קליידעלעך, קליינע ייִנגעלעך אין קורצע הייזעלעך.

אַז מירעלע איז פֿאַרטיק מיטן אויסשערן די בילדער, קלעפּט זי זיי אויף אַ קאַרטאָן און וויל זיי אויסשטעלן אויף דעם פּאַפּירענעם טיש. אָבער נישט אַלע זאַכן ווילן שטיין. דער פּאַפּירענער גלאָבוס וויל נישט שטיין אויף דעם פּאַפּירענעם טיש. טו אים עפּעס. דאָס ווערטערבוך וויל אויך נישט ליגן אויפֿן טיש, ווי ער ליגט אויפֿן טיש אין סקול. אַפֿילו די שטילע מיידעלעך ווילן נישט זיצן אויף די פּאַפּירענע בענקלעך.

מירעלע ווערט אומעטיק. די שפּיל קומט ניט אַרויס אַזוי ווי זי וויל.

עס עפֿנט זיך די טיר און מירעלעס פֿאָטער קומט אַרײַן. ער בלײַבט שטיין בײַם טיר און קלאַפּט אָפּ דעם שניי פֿון די הויכע גומענע שטיוול, וואָס דערגרייכן אים איבער די קני. ער טוט אויס דאָס קורצע ברוינע לעדערנע פּעלצל, דאָס פֿוטערנע היטל און זאָגט:

— „דו ווייסט, מירעלע, דער שניי האָט שוין אויפֿגעהערט פֿאַלן. דער ווינט בלאָזט מערניט. די וועגן זײַנען אָפּגעראַמט און דער וועג צו דער סקול איז שוין פֿרײַ. די קינדער וועלן שוין קענען מאָרגן גיין אין סקול."

מירעלע דערפֿרייט זיך.

— „גוט, טאַטע, איך וויל שוין טאַקע גיין אין סקול. איך בענק נאָך דער לערערין, נאָך די קינדער פֿון סקול און נאָך די שיינע ביכלעך וואָס זײַנען דאָ אַזוי פֿיל אין סקול.

זי קוקט אויף די פּאַפּירענע מיידעלעך און יינגעלעך, גיט זיי אַ שאַר אַוועק מיטן האַנט און זאָגט:

— „אַז איר ווילט ניט זיצן אויף די פּאַפּירענע שטולן דאַרף מען ניט. מאָרגן וועל איך זיך שפּילן מיט אמתע מיידלעך און אמתע יינגלעך. — און איר וועט זיך ליגן אין קעסטל."

דער טאַטע קוקט אויף זײַן מיידעלע, אויף זײַן מירעלען, די שטיפּערקע, ווי ער רופֿט זי, און זאָגט גאָרניט.

מירעלע גייט רייסן גרינס אויף שבֿועות

אַ טאָג פֿאַר שבֿועות זאָגט מירעלע צו איר טאַטן:
— „טרעף, טאַטע, וואָס איך וויל היינט טאָן?"
זאָגט מ״ר פֿוקס: — „דו ווילסט זײַן רות".
— ניין. היינט וויל איך ניט זײַן רות. היינט וויל איך גיין אָנרײַסן גרינס און אויספּוצן דאָס הויז אויף שבֿועות, און איך וויל ניט דו זאָלסט מיר העלפֿן, ווי פֿאַראַיאָרן. איך בין שוין אַ גרויס מיידל, טאַטע, און איך וויל עס טאָן אַליין", — האָט מירעלע געזאָגט.
— „נו, גוט, טו עס אַליין, נאָר גיב אַכטונג אויף זיך און אויף די גרינס און קום אַהיים צו דער צײַט", — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט.
דאָס איז געווען אַ זונטיק נאָך אָנבײַסן. מירעלע טוט אָן אירע הויכע גומענע שטיוול, זי טוט אָן אַ פּאָר בלויע הויזן, זי נעמט מיט אַ קויש, אַ שטריקל, אַ גרויסע שער און זי לויפֿט אַ פֿריילעכע אַרויס פֿון הויז. אויפֿן וועג טרעפֿט זי אָן דעני בערגער, דעם זון פֿון זייער שכן, וואָס האָט געהאַט זײַן פֿאַרם ניט ווײַט פֿון איר טאַטנס פֿאַרם.
דעני איז געווען צוועלף יאָר אַלט און איז געווען דאָ אין הויך ניט לויט זײַנע יאָרן. ער איז געגאַנגען כאַפּן פֿיש. זי דערציילט אים, אַז זי גייט רײַסן גרינס אויף שבֿועות. דעני מאַכט אַן אָנשטעל אַז ער ווייסט ניט וואָס עס איז שבֿועות און ער פֿרעגט: — „און וואָס איז שבֿועות?"

— „שבֿועות? שבועות איז בײַ ייִדן אַ יום־טובֿ צוליב דעם וואָס משה האָט זיי געגעבן די תּורה". — און מירעלע דערציילט דעניִן, ווי משה האָט פֿאַרזאַמלט די ייִדן אַרום דעם באַרג־סיני און אַליין איז ער אַרויף אויפֿן באַרג און איז דאָרט געווען פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט און איז געקומען צוריק מיט די לוחות.

— „און וואָס איז „לוחות?" — מאַכט זיך דעני ווײַטער ניט ווױסנדיק.

מירעלע נעמט אַ שטעקל און מאָלט אויס אויפֿן זאַמד לוחות און זי זאָגט, ווײַזנדיק מיטן שטעקל:

— „דאָס זײַנען די לוחות, און אויף די לוחות זײַנען אויסגעשריבן די צען געבאָט. צוליב דער תּורה האָבן מיר ייִדן דעם שיינעם יום־טובֿ שבֿועות.

דעני וויל גיין מיט מירעלען און איר העלפֿן רײַסן גרינס, אָבער מירעלע זאָגט:

— „דו גיי דיר כאַפּן דײַנע פֿיש און איך וועל מיר גיין רײַסן מײַן גרינס", — און זי לאָזט זיך גיין צום טײַך.

גייענדיק פֿאַרבײַ די פֿעלדער, רײַסט זי אָן אַ פֿולן קויש מיט פֿעלד־בלימעלעך און זי שנײַדט אָן דינע צווײַגעלעך וואָס וואַקסן אויף בײדע זײַטן פֿון וועג. זי בינדט צונויף די צווײַגעלעך אין אַ בינטל און פֿאַרוואַרפֿט דאָס בינטל אויפֿן אַקסל, ווי איר טאַטע האָט עס געטאָן פֿאַראַיאָרן.

אַז זי איז געקומען צום טײַך האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס בינטל צווײַגן און דאָס קוישל אויפֿן ברעג. זי האָט גענומען די שער און איז אַרײַן אין טײַך.

דער גאַנצער ברעג טײַך איז געווען פֿאַרוואָקסן מיט הויכן, גרינעם אַיִר. מירעלע שנײַדט דעם אַיִר

און זי פֿילט ניט ווי זי גייט ווײַטער און ווײַטער אין טײַך. פּלוצלונג גיט זי אַ געשריי. זי דערפֿילט ווי זי איז געבליבן שטעקן אין זומפּיקן באָדן פֿון טײַך. זי וויל אַרויסציִען אַ פֿוס און קען ניט. זי קען ניט גיין ווײַטער און קען ניט גיין צוריק. זי דערשרעקט זיך, זי כאַפּט זיך אָן מיט די הענט אין דעם אַוויר און נעמט רופֿן :

— „העע־לפּט ! העע־לפּט !"

דאָס געשריי קלינגט אָפּ מיט אַן עכאָ: „ה־ע־ל־פֿט! ה־ע־ל־פֿט !" זי וואַרט אַ מינוט און שרײַט נאָך העכער : — „גי־כער ! גי־כער ! העלפֿט, איך זינק אין דעם זומפּ !"

קיינער קומט ניט. זי הערט נאָך דעם עכאָ. מירעלע דערשרעקט זיך און הייבט אָן וויינען. זי טוט מיט אימפּעט אַ ציִ אַרויס אַ פֿוס און זי פֿאַלט מיטן פּנים צום זומפּ.

פּלוצלונג דערפֿילט זי ווי עמעצער נעמט זי אָן בײַ דער האַנט און גיט זי אַ שטאַרקן ציִ צו זיך. זי דער־

קענט דעם לאַנגן דאָרן דעניָן. דעני נעמט זי אָן מיט זײַנע צוויי שטאַרקע הענט און שלעפּט זי אַרויס פֿון זומפּיקן טײַך אויפֿן ברעג.

— „דעני ווי קומסטו אַהער, דו ביסט דאָך געגאַנגען כאַפּן פֿיש?" — האָט מירעלע אים געפֿרעגט פֿאַרוואונדערט.

— „איך האָב טאַקע געכאַפּט פֿיש אָט דאָ ניט ווײַט אַרויף צו, וואו עס איז ניט זומפּיק און עס וואַקסט ניט קיין אַיִר. זע וויפֿל פֿיש איך האָב געכאַפּט", — ענטפֿערט דעני און ער ווײַזט איר אַ פֿולן קויש מיט פֿיש, — „אַז איך האָב געהערט דײַן געשריי האָב איך פֿאַרשטאַנען וואוהין דו ביסט פֿאַרקראָכן, נו, בין איך געקומען און דיך אַרויסגעשלעפּט!

און ער האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

— „קום, וועל איך דיך נעמען אַהיים. דו טראָג מײַנע פֿיש און איך וועל טראָגן דײַן גרינס אויף שבֿועות."

אַז מירעלעס מאַמע האָט זיי דערזען פֿאַרשמירטע און אויסגעווייקטע, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן.

דעני האָט דערציילט וואָס עס האָט געטראָפֿן, און צום סוף האָט ער צוגעגעבן:

— „גוט וואָס איך בין געווען ניט ווײַט פֿון מירעלען, אַניט וואָלטן מיר געהאַט אַ פֿאַרשטערטן יום־טובֿ". — און אַ שעמעוודיקער האָט ער צוגעגעבן: — „נאָט אײַך מײַנע פֿיש און האָט אַ פֿריילעכן שבֿועות!" — און ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז.

דער קלוגער אייזל

א

— „פּעטער דזשאָרדזש, דערציילט מיר נאָך אַ מאָל די מעשׂה פֿון דעם אייזל, איך בעט דיך", — האָט זיך מירעלע געווענדט צו איר מאַמעס ברודער, וואָס איז נעכטן געקומען צו פֿאָרן צו אירע עלטערן אויפֿן פֿאַרם, — „איך האָב אַזוי ליב צו הערן דײַנע מעשׂיות!"

— „איך האָב דאָך דיר שוין דערציילט די מעשׂה צוויי מאָל, די שטיפֿערקע, וויפֿל מאָל דאַרף מען עס דערציילן די זעלביקע מעשׂה?" — האָט דער פּעטער דזשאָרדזש געענטפֿערט און אַ צופֿרידענער געקוקט אויף מירעלען.

— „נאָר איין מאָל נאָך, פּעטער, מער ניט", — האָט זיך מירעלע געבעטן.

— „נו, גוט נאָך איין מאָל, הער!" — און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן.

— „ווען איך האָב געקויפֿט מײַן פֿאַרם אין פֿלאָרידע, האָב איך געקויפֿט אַ פֿערד און וואָגן. די מומע פֿעני האָט ניט געקענט טרײַבן דאָס פֿערד. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט מורא אַפֿילו אָנצונעמען די לייצעס פֿון פֿערד.

אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט קיין צײַט שטענדיק צו פֿאָרן אין שטאָט אײַנקויפֿן, האָב איך געקויפֿט אַן אייזל און געזאָגט דער מומען:

— „פֿעני, דאָ האָסטו אַן אייזל און פֿאָר דיר אין שטאָט אַרײַן ווען דו ווילסט."

די מומע האָט אָפּגעהיט דעם אייזל ווי דאָס אויג אין קאָפּ, געגעבן אים פֿון אַלעם בעסטן. איך קענט דאָך די מומע פּעני.

צוויי מאָל אין וואָך פֿלעגט זי פֿאָרן אין שטאָט אײַנ־קויפֿן.

ווען זי פֿלעגט נאָר צוגיין צום אייזל האָט ער זיך אײַנגעבויגן, אַז זי זאָל זיך אַרויפֿזעצן אויף אים. ער האָט זי געפֿירט אין שטאָט אַרײַן און זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער קראָם וואו זי האָט אײַנגעקויפֿט די מערסטע זאַכן. ווען די מומע האָט געבראַכט די פּעקלעך, האָט זיך דער אייזל ווידער אײַנגעבויגן און געלאָזט אויף זיך לייגן אַזוי פֿיל פּעקלעך, וויפֿל מען האָט נאָר געקענט.

(גערופֿן האָבן מיר דעם אייזל „גראַטיטוד", דאַנק־באַרקייט).

ווען די מומע האָט אויפֿגעמאַכט די שטאַל פֿאַר דעם אייזל אָדער דערלאַנגט אים עפּעס צום עסן, פֿלעגט ער אַ שאָקל געבן מיטן קאָפּ. די מומע האָט געזאָגט, אַז דער שאָקל מיינט „אַ דאַנק."

איין מאָל איז די מומע קראַנק געוואָרן, האָב איך זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן אייזל און גענומען פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן. גראַטיטוד האָט מיך געפֿירט אַרום פֿינף מײַל, צוגעגאַנגען צו אַ סלופּ, געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן און זיך אויסגעדרייט צום וועג אַהיים.

— „ניין, ניין", — האָב איך אים אָנגעהויבן שלעפּן אויף צוריק. דער אייזל איז אָבער געגאַנגען צוריק אַהיים. איך האָב געשריִען: — „אייזל, אייזל, גראַטי־טוד! איך דאַרף פֿאָרן אין שטאָט!" — אָבער ער האָט מיך געהערט ווי דעם פֿאַר־אַ־יאָריקן שניי. קומענדיק אַהיים האָט די מומע פּעני געזאָגט:

— „דער אָרעמער אייזל האָט נעבעך געבענקט נאָך מיר.”

צו מאָרגנס האָב איך ווידער גענומען דעם אייזל און געפֿאָרן אין שטאָט. אַז מיר זײַנען צוגעקומען צום סלופּ האָט זיך מײַן אייזל ווידער אָפּגעשטעלט, גערוט אַ פּאָר מינוט און פֿאַרקערעוועט זיך אויף צוריק אַהיים און אָנגעהויבן לויפֿן. איך האָב אים געגעבן אַ פּאָר קלעפּ, געשטופּט מיט די פֿיס. עס האָט ניט געהאָלפֿן. מײַן אייזל האָט מיך ניט געהערט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער שטאַל האָט ער זיך אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן און געגעבן אַ ברום, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אַראָפּ פֿון מיר.”

פֿיר מאָל האָב איך זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן אייזל צו פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, און יעדער מאָל האָט ער מיך געבראַכט צום סלופּ, געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן און געלאָפֿן צוריק אַהיים.

ווען די מומע פּעני איז געזונט געוואָרן האָט ער זי געפֿירט אין שטאָט אַרײַן, געוואַרט ביז זי האָט אײַנגעקויפֿט און זי געבראַכט אַהיים. און פֿאַרן אַרײַנגיין אין שטאַל האָט ער זיך פֿאַר איר געגעבן אַ נויג.

די זאַך האָט מיר פֿאַרדראָסן. אַן אייזל וואָס פֿרעסט מײַן פֿראַצע זאָל מיך ניט וועלן פֿירן אין שטאָט אַרײַן! האָב איך אײן טאָג גענומען דעם אייזל און געזאָגט צו אים:

— „דו פֿירסט מיך הײַנט אין שטאָט אַרײַן.”

גערעדט און געטאָן.

ווען מיר זײַנען געקומען צום סלופּ, האָט זיך מײַן אייזל שוין גאָרניט אָפּגעשטעלט נאָר גלײַך זיך אויסגעדרייט אויף צוריק.

— „ניין”, — האָב איך גענומען שרײַען מיט כּעס

און אים אָנגעהויבן שמײַסן מיט דער קורצער בײַטש וואָס איך האָב געהאַט מיטגענומען. גראַטיטוד האָט געגעבן אַ בריקע מיט די הינטערשטע פֿיס און אָנגע־הויבן פֿליִען. אָבער איך זאָג דיר, ניט גלאַט פֿליִען, ער איז געשפּרונגען און געפֿלויגן ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן. איך האָב געשמיסן, און דער אייזל איז געפֿלויגן. האָב איך אים געקאָפּעט מיט די פֿיס אין בויך, האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען אַזוי הויך, אַז איך האָב געמיינט: אָט, אָט און איך בין אין הימל.

איך האָב גענומען שרײַען: — „אייזל, גראַטיטוד, איך בין דײַן באַלעבאָס, איך וועל דיך באַשטראָפֿן. שטיי, זאָג איך, שטיי! מײַן היטל איז אַראָפּגעפֿאַלן.״

אָבער וואָס מיר היטל, ווער מיר באַלעבאָס, דער אייזל איז געלאָפֿן נאָך שנעלער. ער איז אַראָפּ פֿון געפּלאַסטערטן שאָסיי און זיך פֿאַרקערעוועט אויף



אַ זייטיקן זאַמדיקן וועג. דאָ האָט ער אויף ס׳נײַ אָנגעהויבן שפּרינגען. איך האָב זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אָן זײַן פֿעל און מיט דער אַנדערער האָב איך געשמיסן. פּלוצלונג האָב איך דערזען זײַנע לאַנגע אויערן, האָב איך אַוועקגעוואָרפֿן די בײַטש און אָנגע־כאַפּט די לאַנגע אויערן פֿון דעם שפּרינגענדיקן אייזל.

ב

ווען איך האָב געעפֿנט מײַנע אויגן בין איך געלעגן בײַ דער זײַט פֿון וועג לעבן אַ בוים, און דער גרויער הימל האָט מיך געמונטערט מיט שווערע טראָפּנס רעגן.

מיט שטאַרקע ווייטיקן אין די זײַטן האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט און געפֿרעגט: — „וואו בין איך?"

קיינער האָט ניט געענטפֿערט. איך האָב גענומען רופֿן מיט מײַן גאַנצן כּוח:

— „גראַטיטוד, גראַטיטוד! אייזל, אייזל! וואו ביסטו?"

אָבער אין דער שטילקייט פֿון דער צופֿאַלנדיקער נאַכט האָב איך בלויז געהערט מײַן ווידערקול, דעם עכאָ. וואָס האָט געקלונגען: „אייזל, אייזל, דאָ ביסטו."

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף זיך...

ווען איך בין אַהיים געקומען איז שוין געווען גוט פֿינצטער.

די מומע האָט מיך באַגעגנט בײַ דער טיר מיט אַ ברוך הבא:

— „גאָט איז מיט דיר, וואָס פֿאַר אַן אײַנפֿאַל איז דאָס אַהיים צו שיקן דעם אייזל אַליין?"

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אַבער די מומע האָט מיר פֿאַרכאַפּט דעם וועג:

— „איך ווייס, דו ווּעסט מיר דערציילן אַז גראַ־טיטוד האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון סלופּ. דו פֿאַר־געסט, אַז דאָס איז אַן אָרעמע בהמה און דו ביסט אַ מענטש.“

איך האָב גלײַך געזען, אַז וואָס איך זאָל ניט זאָגן, וועט אַלץ בײַ דער מומען בלײַבן גערעכט דער אייזל און ניט איך. האָב איך אַ מורמל געגעבן אונטער דער נאָז:

— „איך ווייס, בײַ דיר איז רעכט, אַז דער אייזל האָט מער שׂכל פון מיר.“

איך בין אַוועק אין שטאַל, דער אייזל האָט מיך אָנגעקוקט און אין זײַנע אויגן האָב איך געזען ווי ער וויל זאָגן:

„וועסט נאָך שמײַסן און קאָפּען?“

— „יאָ“, — האָב איך אויסגערופן מיט כּעס, און צוגעגעבן: — „אַפילו באַשטראָפן אויך. הײַנט קריג־סטו ניט קיין וועטשערע.“

איך האָב געגעבן די קי, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער צווייטער זײַט פון שטאַל, זייער וועטשערע און געזאָגט דעם אייזל:

— „דו זעסט, די קי גיב איך הײַנט קאָרן, און האָ־בער און דו וועסט שטיין און קוקן ווי זיי עסן.“

איך האָב צוריק פֿאַרבונדן די זעק מיט קאָרן וואָס זײַנען געלעגן אויפן לייטער איבער די קאָרעטעס וואו די קי זײַנען געשטאַנען, און איך בין אַרויס.

ג

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך אַרײַן אין שטאַל. ווען איך וואָלט ניט געווען קיין מאַן, און זיך ניט גע־שעמט פאַר דעם אייזל מיט די לאַנגע אויערן, וואָלט

איך געשריען „גוואַלד", אָדער גאָר געפאַלן אין חלשות, דערזעענדיק וואָס דאָ טוט זיך.

דער אייזל האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם טייל שטאַל וואו די קי זײַנען געווען. אַלע זעק מיט קאָרן זײַנען געווען ליידיק. זייערע אָפענע מײַלער זײַנען אַראָפּגעהאַנגען איבער די קאָרעטס. די קי זײַנען געלעגן אויסגעלייגט אויף דער ערד פון שטאַל מיט בײַכער ווי באַלאָנען וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָט, אָט פּלאַצן זיי. איך האָב געפּרואווט העלפן די קי זיך אויפצושטעלן. אָבער גיי שלעפּ קי וואָס האָבן אין זיך פולע זעק מיט קאָרן.

דער אייזל איז צוגעקומען צו מיר און מיט אַ מאָדנעם אייזלשן שמייכל אַרויסגעשטאַרצט זײַנע ציין און געקוקט אויף די זעק.

— „יאָ", — האָב איך געזאָגט ווי צו זיך — „דו האָסט אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל מיט דײַנע ציין. איך ווייס."

איך האָב זיך אַרויסגעשאַרט פון שטאַל און געלאָפן נאָך ריצנאייל פאַר מײַנע אָרעמע קי.

— „און אָט האָסטו די מעשה פון דעם אייזל צום לעצטן מאָל", — האָט דער פעטער דזשאָרדזש געזאָגט און מיט ליבשאַפט געקוקט אויף מירעלען.

דאָס פֿאַרלאָרענע פֿייגעלע

א

— „קוק! קוק!" — האָט בעטי אויסגערופֿן.

ריוועלע, בעטיס שוועסטערקינד, האָט זיך אַרומגעקוקט און נאָכגעזאָגט:

— „קוק, קוק, קוק!" — דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— „שטענדיק זעסטו עפּעס. שטענדיק שטעלסטו זיך אָפּ צו קוקן אויף זאַכן. צוליב דיר קום איך שטענדיק שפּעט אין סקול."

בעטי האָט זיך צעלאַכט און ווײַזנדיק צום הימל האָט זי נאָך העכער אויסגערופֿן:

— „קוק, קוק, קוק! אוי, ווי הייך זיי פֿלִיען".

ריוועלע האָט פֿאַרריסן איר קעפּל צום הימל און מיט באַוואונדערונג אויסגערופֿן:

— „אוי! פֿייגעלעך, אַזוי פֿיל פֿייגעלעך!"

— „ווייסטו וואוהין די פֿייגעלעך פֿלִיען?" — האָט בעטי געפֿרעגט.

ריוועלע איז געבליבן שטיין, געקוקט אין דער הייך און געענטפֿערט:

— „זיכער ווייס איך, זיכער ווייס איך, זיי פֿלִיען... זיי פֿלִיען... זיי פֿלִיען אין הימל אַרײַן."

בעטי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— „דו ביסט שוין אַכט יאָר אַלט און ווייסט ניט וואוהין די פֿייגעלעך פֿלִיען אין האַרבסט. קום, לאָמיר זיך זעצן אויף די טרעפּלעך פֿון דעם הויז, וועל איך דיר דערציילן, וואוהין די פֿייגעלעך פֿלִיען."

אָנווײַזנדיק אויף די פֿייגל וואָס זײַנען געפֿלויגן אי־בער די הויכע הײַזער האָט בעטי אָנגעהויבן:

— „זעסט, די פֿייגעלעך פֿליִען קיין פֿלאָרידע. דאָרט איז ניטאָ קיין שניי, קיין אײַז. דאָרט...

— „אַז עס איז ניטאָ קיין שניי און קיין ווינטער, ווי קענען זיך קינדער שליטלען?" — האָט ריוועלע איבערגעשלאָגן.

— „שלאָג מיר ניט איבער!" — האָט בעטי גע־זאָגט, — „מיר רעדן וועגן פֿייגל און ניט וועגן שליטלען זיך. מײַן לערערין האָט נעכטן דערציילט, אַז צוליב דעם וואָס עס איז געוואָרן אַזוי קאַלט, האָבן פֿייגעלעך ניט וואָס צו עסן. זיי האָבן אויך ניט וואו צו וואוינען, ווײַל די ביימער זײַנען אָן בלעטער. נעמען זיך אַ פּאָר

פייגל-פאַמיליעס צוזאַמען און פּליִען אַוועק קיין דרום. פּלאָרידע איז אין דרום. כּדי די פייגעלעך וואָס פּליִען אַוועק, זאָלן האָבן וואָס צו עסן, האָט די לערערין גע־בעטן אַז מיר זאָלן וואַרפן שטיקלעך ברויט אויף די גאַסן. זי האָט אונדז אויך דערציילט פון איין פייגעלע וואָס האָט פאַרלאָרן טאַטע-מאַמע אויפן וועג קיין פּלאָרידע."

בעטי איז געבליבן שטיל אַ מינוט.

— „דערצייל מיר וועגן דעם פאַרלאָרענעם פייגע־לע", — בעט זיך ריוועלע.

— „גוט," — האָט בעטי געזאָגט, און זי האָט אָנ־געהויבן:

ב

— „דאָס פייגעלע איז נאָך געווען גאָר אַ יונגס, ווען זײַן טאַטע-מאַמע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ מחנה פייגל וואָס האָבן זיך געגרייט צו פּליִען קיין דרום."

אין דעם טאָג, ווען די פייגל האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, האָט די מאַמע-פויגל צוגערופן איר פיי־געלע און געזאָגט:

„מיר וועלן הײַנט פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואו דו ביסט געבוירן געוואָרן. פריִער ביסטו געזעסן אין אונדזער נעסט און מיר האָבן דיר געבראַכט עסן. אַז דו האָסט זיך אויסגעלערנט פליִען, ביסטו יעדן טאָג אַרויסגע־פלויגן פון נעסט, אָפּגעפלויגן אַ פּאָר גאַסן און צוריק־געקומען אַהיים. איצט פליִען מיר אַוועק פון דאַנען. איצט פליִען מיר אין אַ לאַנד, וואו דו ביסט נאָך קיין מאָל ניט געווען. מיר וועלן מוזן לאַנג פליִען. דער וועג איז אַ ווײַטער. דאָס איז דײַן ערשטע לאַנגע רײַזע. דער וועג וועט דיר זײַן אומבאַקאַנט. בעט איך דיר,

שטיי ניט אָפּ פֿון אונדז. פֿלי נאָענט לעבן אונדז.״
דאָס קליינע פֿייגעלע האָט געשאָקלט מיטן קעפּל:
„צוויף־צוויף, איך וועל טאָן ווי דו זאָגסט מיר.״

ג

נאָך מיטאָג האָבן זיך די פֿייגל, אַ פּאָר הונדערט אין צאָל, געלאָזט אין וועג אַרײַן. עס איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט און עס איז געווען קאַלט. אין אָוונט זײַנען די פֿייגל אָנגעקומען אין וואַלד. די ביימער זײַנען געווען נאַקעט, אָן בלעטער. די פֿייגל זײַנען געווען הונגעריק און מיד פֿון לאַנגן פֿליִען. זיי האָבן זיך געדרייט און געדרייט אין דער לופֿטן ביז זיי האָבן דער־זען אַ פּאָר ביימער מיט בלעטער. די בלעטער זײַנען געווען געל, האַלב רויט. מיט פֿרייד האָבן זיך די פֿייגל אַראָפּגעלאָזט אויף די ביימער. אַלע פֿייגל, אַחוץ דעם קליינעם פֿייגעלע. דאָס קליינע פֿייגעלע האָט געפֿעלט.

„וואו איז דאָס יִינגסטע פֿייגעלע?״ — האָט איין פֿויגל געפֿרעגט דעם אַנדערן. קיינער האָט ניט גע־וואוסט, וואו דאָס פֿייגעלע איז אַהינגעקומען.

די מאַמע און טאַטע־פֿייגל האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן. די מאַמע האָט געזאָגט אַז דער טאַטע איז שול־דיק, דער טאַטע — אַז די מאַמע איז שולדיק, וואָס דאָס קינד איז פֿאַרלוירן געגאַנגען.

אַ פֿרײַנד, אַ פֿויגל, האָט געהערט ווי זיי קריגן זיך, האָט ער געזאָגט:

„קומט, לאָמיר פֿליִען צוריק און זוכן דאָס פֿאַר־לוירענע פֿייגעלע.״

די דרײַ פֿייגל זײַנען געפֿלויגן און געפֿלויגן. עס איז שוין געוואָרן טאָג און דאָס פֿייגעלע האָבן זיי נאָך אַלץ ניט געפֿונען. מיד פֿון זוכן האָבן זיי שוין געוואָלט

פֿליִען צוריק צו זייער מחנה. פּלוצלונג האָט די מאַמע־פֿויגל אויסגערופֿן:

„צוויִף־צוויִף! זעט, זעט!"

ד

אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ איז געזעסן דאָס פֿייגעלע. ווען עס האָט דערהערט: „צוויִף־צוויִף", האָט עס דער־קענט איר מאַמע. עס איז זיי געפֿלויגן אַנטקעגן און גערופֿן:

„צוויִף! צוויִף! צוויִף!" און אָנגעהויבן דערציילן וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן. ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט מיט די הויכע הײַזער האָט עס פֿאַרגעסן וואָס די מאַמע האָט געזאָגט. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף זאַכן וואָס עס האָט קיין מאָל פֿריִער ניט געזען. ווען עס האָט זיך דערמאָנט, אַז עס דאַרף פֿליִען לעבן טאַטע־מאַמע, זײַנען זיי שוין ניט געווען. האָט עס אָנגעהויבן פֿליִען און פֿליִען. עס האָט אָבער ניט געוואוסט דעם וועג. פֿליִענדיק האָט עס דערזען אַ גאָרטן. זייענדיק הונגעריק און מיד איז עס צוגעפֿלויגן צו אַן עפּלבוים. דער ווינט האָט אָנגע־הויבן בלאָזן וויו... וויו... וויו.. די בלעטער האָבן אָנגע־הויבן רוישן און פֿליִען אין אַלע זײַטן. זיי האָבן גע־רוישט און געשריִען:

„שש... שש... שש... אַראָפּ פֿון בוים, פֿלי צו דײַן מאַמען!"

הונגעריק און האַלב־פֿאַרפֿרוירן איז עס געפֿלויגן פֿון איין פֿרוכטבוים צום צווייטן און האָט זיך געבעטן:

„לאָזט מיך איבערנעכטיקן אויף אײַערע צווײַגן, צווישן אײַערע בלעטער."

אַלעביימער, צוזאַמען מיט די בלעטער האָבן גע־טומלט און געשריִען:

„וויו!.. וויו!.. שש!.. שש!.. האָסט ניט געפּאָלגט טאַטע־מאַמע, ביסט אַ שלעכט פֿייגעלע."

ניט ווייסנדיק וואוהין צו פֿליִען, האָט עס זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן טעלעגראַף־סלופּ.

ה

הערנדיק וואָס דאָס פֿייגעלע האָט זיך אָנגעליטן, האָבן טאַטע־מאַמע געזאָגט:

„דאָס מאָל פֿאַרגיבן מיר דיר. געדענק אָבער, אַז צוליב דיר לײַדט די גאַנצע מחנה פֿייגל, וואָס האָט זיך געלאָזט קיין דרום. מיר מוזן זיי נאָכיאָגן. מיר וועלן אויך זוכן עפּעס צו עסן פֿאַר דיר. גלײַך נאָכן עסן מוזן מיר פֿליִען צוריק. אונדזערע פֿרײַנד וואַרטן אויף אונדז."

„ציף! ציף! ציף!"

— „ציף, ציף, ציף, — מיינט אַ דאַנק, אַ דאַנק", — האָט ריוועלע אויסגערופֿן, און צוגעגעבן:

— „ווייסטו גאָר וואָס? לאָמיר אַוועקגעבן אונדזער מיטאָג די פֿייגל וואָס פֿליִען אין דרום. זע ווי הויך זיי פֿליִען. באַלד וועלן זיי אַראָפּ זוכן עסן."

— „טאַקע, לאָמיר דאָס טאָן", — האָט בעטי אַ פֿריילעכע אויסגערופֿן.

ביידע מיידעלעך האָבן געעפֿנט זייערע קעסטעלעך, אַרויסגענומען זייערע „סענדוויטשעס", צעריבן דאָס ברויט אויף קליינע קרישעלעך און געוואָרפֿן אין גאַס.

— „עי! וואָס טוט איר דאָ? פֿאַר וואָס זײַט איר ניט אין סקול?"

די קינדער האָבן מורא געהאַט אויפֿצוהייבן די אויגן.

אַ מאַן האָט זיי אָנגענומען בײַ דער האַנט און זיי געפֿירט. ער האָט גערעדט צו זיך: „איר וועט שוין אײַערס קריגן. אַזאַ סקאַנדאַל! גאָר וואַרפֿן „סענדוויטשעס" אין גאַס!"

ו

זיי זײַנען געקומען אין סקול. דער פּרינציפּאַל האָט גערופֿן בעטיס און ריוועלעס לערערין. דער מאַן, וואָס האָט זיי געבראַכט האָט דערציילט וואָס די קינדער האָבן געטאָן. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער הויכער מאַן איז געשטאַנען, האָבן די מיידעלעך ניט געענטפֿערט אויף דעם פּרינציפּאַלס פֿראַגעס. דער פּרינציפּאַל האָט געהייסן דער לערערין אַרײַננעמען די קינדער אין קלאַס.

ווען זיי זײַנען אַרײַן אין קלאַס־צימער, איז געוואָרן אַ שושקערײַ:

— „שפּעט, שפּעט, פּעפּערס!"



די לערערין האָט דערציילט דעם קלאַס די גאַנצע מעשׂה און האָט געבעטן די קינדער, אַז זיי זאָלן אַרויס־געבן אַ שטראָף פֿאַר די קינדער. העגט האָבן זיך גע־הויבן. איין קינד האָט געזאָגט:

— „זיי זאָלן ניט קריגן קיין עסן צוויי טעג.“

אַן אַנדער קינד האָט געזאָגט:

— „זאָלן זיי זיצן און קוקן ווי מיר עסן.“

אַ דריט קינד האָט זיך אָפּגערופֿן:

— „זאָלן זיי שטיין אין ווינקל אַ גאַנצן טאָג.“

און נאָך אַן עצה איז געווען:

— „זאָלן זיי אַוועקגעבן זייערע „לאָנטש“ פֿאַר אָרע־מע קינדער.“

מער האָט שוין בעטי ניט געקענט שווײַגן. זי האָט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ, אָנגעוויזן אויף ריוועלען און גע־זאָגט:

— „מיר האָבן ניט געוואָרפֿן קיין עסן אין גאַס. מיר האָבן געטאָן וואָס די לערערין האָט געהייסן טאָן. מיר האָבן אַוועקגעגעבן אונדזער עסן די פֿייגל וואָס פֿליִען אין דרום. מיר האָבן פֿאַר זיך גאָרנישט איבער־געלאָזן. אַלץ האָבן מיר אַוועקגעגעבן די פֿייגל.“

און זי האָט זיך צעוויינט:

— „פֿאַר וואָס באַשטראָפֿט איר אונדז? פֿאַר וואָס באַשטראָפֿט איר אונדז?“ — האָט בעטי געוויינט און גערעדט.

די קינדער זײַנען געבליבן זיצן פֿאַרשעמטע.

זיי האָבן געקוקט ווי שולדיקע, דאָ אויף דער וויי־נענדיקער בעטי דאָ אויף דער לערערין. די לערערין איז צוגעגאַנגען צו בעטין, זי אַרומגענומען און צוגע־דריקט צו זיך.

— „נו, גענוג, דו ביסט אַ גוט קינד, גענוג געוויינט.“

מאָו און ניקי

א

אַרום דרײַ אַ זייגער נאָך מיטאָג, ווען די זון האָט געברענט צום שטאַרקסטן, איז דזשעק, דער פּרוכט־פּעדלער מיט זײַן פּערד מאַקס און אַ פּולן וואָגן מיט פּרוכט אָנגעקומען אויף דער עלפטער גאַס צווישן אַכטער און נײַנטער עוועניו.

— „האָו! האָו!" — האָט דזשעק קוים אַרויס־גערעדט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גאַראַדזש.

דערזעענדיק דעם גרינצײַג־פּעדלער טאָני מיט זײַן פּערד „גאַריבאַלדי" און וואָגן מיט גרינצײַג, האָט דזשעק אויסגערופן:

— „האַלאָ, האַלאָ, טאָני! האָסטו שוין פֿאַרקויפט דײַנע קאַרטאָפל, ציבעלעס, מערן און קרויט?"

טאָני האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון זײַן שטערן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, געגלעט זײַן דאַר פּערד, גאַ־ריבאַלדי, און אָפּגעענטפערט:

— „האַלאָ, האַלאָ, דזשעק. ווער פאַרקויפט? וואָס פאַרקויפט? מען קאָן דאָך הײַנט צעשמאָלצן ווערן פון דער היץ. און דו? כאַ־כאַ־כאַ — זע, ווער עס פרעגט בײַ דיר איז דאָך דער וואָגן פול מיט פרוכט".

בײַ די לעצטע ווערטער איז טאָני געוואָרן ערנסט. ער איז צוגעגאַנגען צו דזשעקן און גלעטנדיק דזשעקס פערד, געזאָגט:

— „עס איז אַ רחמנות אויף די פערד! זיי קענען שוין מער הײַנט ניט גיין. אַזאַ היץ, אַזאַ היץ. דער אַס־פאַלט איז ווי הייסע סמאָלע."

— „ווייסטו גאָר וואָס, דזשעק? לאָמיר לאָזן די

פערד זיך אָפּרוען, און מיר וועלן אַרײַנגיין טרינקען
אַ קאַווע. מאָו און ניקי וועלן בלײַבן בײַ די פערד.״
מאָו און ניקי, די צוויי יִינגלעך, די אַרויסהעלפערס
וואָס לויפן אויף די טרעפ מיט די פרוכט און גרינצײַג,
האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, ווי הילצערנע זעלנערלעך,
יעדער בײַם פערדל פון זײַן באַלעבאָס.
דזשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי צעשויבער־
טע, מיט שוויס אָפּגעגאָסענע יִינגלעך, דערלאַנגט יע־
דערן פון זיי אַ ניקל און געזאָגט:
— „קויפט זיך אײַזקרעם און היט די פערד.״
טאָני האָט זיי אויך געגעבן צו אַ ניקל און צוגעגעבן,
— „ס׳איז הייס, ס׳איז הייס, קויפט זיך סאָדע־וואַסער און
היט די וואָגנס.״
די צוויי יִינגלעך האָבן געקויפט אײַזקרעם. זיי האָבן
זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון טראָטואַר און געגעסן
די אײַזקרעם מיט הילצערנע לעפעלעך. פלוצלונג האָט
מאָו זיך אָפּגערופן:
— דו, ווייסט, ניקי, מיר האָבן געדאַרפט געבן די
פערד אַ טרונק. זע, ווי זיי קוקן אויף אונדז.
ניקי האָט זיך אויפגעשטעלט און גלעטנדיק „גאַ־
ריבאַלדי״ געענטפערט.
— „דו ביסט גערעכט, אָבער וואָס קענען מיר טאָן,
אַז דאָ זײַנען ניטאָ קיין וואַסער־סטאַנציעס אויף אָנצו־
טרינקען פערד ?״ — ער האָט אָנגעוויזן אויפן גאַראַדזש
און געזאָגט:
— „די גאַראַדזשן זײַנען פאַר דורשטיקע אויטאָ־
מאָבילן. זיי האָבן געזאָלין. פערד דאַרפן האָבן וואַסער.
עס זײַנען דאָ אַ סך גאַז־סטאַנציעס פאַר דורשטיקע
אויטאָמאָבילן, אָבער קיין איין וואַסער־סטאַנציע פאַר
מידע דורשטיקע פערד. מען קען אָפּפאָרן פופציק,

וואָס רעד איך, הונדערט מײַל און עס זאָל ניט זײַן קיין איין וואַסער־סטאַנציע פֿאַר פֿערד."

דזשעק זאָגט, אַז אַמאָל, אַמאָל, איידער די אויטאָ־מאָבילן זיינען געבוירן געוואָרן, איז געווען אַנדערש."

מאָו און ניקי זײַנען געשטאַנען, געגלעט די פֿערד און געטראַכט, וואו זיי קענען נעמען אַ טרונק וואַסער פֿאַר זיי.

ג

אין דער מינוט האָבן ביידע דערפֿילט, ווי אַ שטראָם וואַסער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף זייערע פּיס.

פֿון וואַנען קומט דאָס וואַסער?

זיי האָבן באַלד דערזען, אַז עטלעכע יינגלעך האָבן אָפּגעשרויפֿט אַ וואַסעררער אויף דער גאַס. די גאַס איז באַלד פֿאַרפֿלייצט געוואָרן און האָט אויסגע־זען ווי אַ טײַך. מאָו האָט מיט באַגײַסטערונג אויס־גערופֿן:

— „לאָמיר נעמען וואַסער פֿון דער רער!"

אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין עמער און האָבן גאָרניט געקענט טאָן. באַלד איז אָנגעלאָפֿן אַ פּאָלי־



ציאַנט, פֿאַרשרויפֿט די וואַסערדרער און צעטריבן די קינדער.

מאָו און ניקי האָבן געקוקט אויף די פֿערד. די פֿערד האָבן געהירזשעט און געוואָרפֿן מיט די עקן.

— מיר קענען גאָרניט טאָן", — האָט ניקי געזאָגט, גלעטנדיקביידע פֿערד.

מאָו האָט געקוקט אויף די פֿערד און אויסגערופֿן:

— „ניקי, לאָמיר קויפֿן אַן עמער וואַסער אין גאַראַזש פֿאַר דעם „דײַם", וואָס איז אונדז נאָך געבליבן. מיר האָבן געגעסן אײַזקרעם, קענען מיר זיך באַגיין אָן סאָדע־וואַסער. מע דאַרף אָנטרינקען די פֿערד!"

ניקי האָט זיך צעלאַכט.

זעענדיק, אַז ניקי לאַכט, האָט מאָו זיך פֿאַרשעמט. מסתּמא האָט ער געזאָגט אַ גרויסע נאַרישקייט.

— „אַז דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט" — האָט ער אויסגערופֿן.

די פֿערד האָבן זיך ווידער צעהירזשעט.

— „זע, זע, די פֿערד בעטן זיך מיר זאָלן זיי קויפֿן אַ טרונק פֿאַר דעם דײַם," — האָט מאָו ווידער אַ זאָג געטאָן.

ניקי האָט דערלאַנגט זײַן ניקל מאָוען און ביידע האָבן זיך געלאָזט צום גאַראַזש.



ד

מאָו האָט געשטופּט ניקין, ער זאָל אַרײַן אין גאַראַדזש דער ערשטער, און ניקי האָט געשטופּט מאָוען, אַז ער זאָל אַרײַן און זאָגן וואָס ער וויל.

אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען און געפּוצט אַן אויטאָמאָביל, האָט זיך צעשריִען:

— „אַוועק פֿון דאַנען! וואָס ווילט איר? אַהיים, אַהיים גייט!

מאָו און ניקי האָבן זיך ניט גערירט פֿון אָרט. אַ גאַראַדזש־אַרבעטער איז צוגעקומען און אויסגעשריִען:

— „אַוועק פֿון דאַנען, זאָג איך!"

די צוויי יִנגלעך האָבן זיך ניט גערירט פֿון אָרט. דער גאַראַדזש־אייגנטימער איז צוגעקומען נעענטער צו די יִנגלעך. פֿאַר שרעק האָט מאָו אַרויסגעלאָזט דאָס ניקל פֿון זײַן האַנט. ער האָט זיך אײַנגעבויגן און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— „איך, מיר, מ־י־ר, — אָנווײַזנדיק אויף ניקין און זיך — „מ־י־ר, מיר זײַנען געקומען קויפֿן וואַסער, פֿערד, — דורשטיק — מיר האָבן אַ דײַם..."

איינער פֿון די גאַראַדזש־אַרבעטער האָט זיך הויך צעלאַכט און געפֿרעגט:

— „אָ, דו ווילסט געזאָלין פֿאַר די פֿערד, וויפֿל געלט האָסטו?"

מאָו האָט געוויזן זײַן ניקל און ניקס ניקל און מיט געבעט געזאָגט:

— „ניין, ניין, — ניט געזאָלין — וואַסער, וואַסער."

דער גאַראַדזש־אַרבעטער האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט. אָבער וואָס העכער דער גאַראַדזש־אַרבעטער האָט געלאַכט, אַלץ מער מוט האָבן די צוויי יִנגלעך באַקומען, און ביידע האָבן הויך אַרויסגעזאָגט:

— „איר פֿאַרקויפֿט געזאָלין און וואַסער פֿאַר דור־שטיקע אויטאָמאָבילן, פֿאַרקויפֿט אונדז אַ ביסל וואַ־סער פֿאַר אונדזערע דורשטיקע פֿערד, — — אַז ניט וועלן זיי שטאַרבן.“

דער אַרבעטער זעט אַז די יינגלעך טרעטן ניט אָפּ, האַלטן אויסגעשטרעקט צוויי ניקלס און בעטן אַ ביסל וואַסער פֿאַר די פֿערד, טוט ער אַ פֿרעג:

— „וואו האָט איר אײַערע פֿערד?“

די צוויי יינגלעך האָבן דעם אַרבעטער צוגעפֿירט צו די פֿערד, וואָס האָבן זיך צעהירזשעט דערזעענדיק מאָוען און ניקין.

דער גאַראַדזש־אַרבעטער האָט דערלאַנגט די פֿערד וואַסער. מאָו און ניקי האָבן אים געדאַנקט.

לעבן גאַראַדזש איז געשטאַנען אַ קאַר. אין קאַר איז געזעסן אַ פֿרוי און זיך אײַנגעהערט ווי די יינגלעך בעטן וואַסער פֿאַר די מידע פֿערד, און באַקלאָגן זיך, אַז קיינער טראַכט ניט, אַז מען דאַרף האָבן וואַ־סער־סטאַנציעס פֿאַר פֿערד, וואָס גייען אין שפּאַן און אַרבעטן שווער גאַנצענע טעג.

ה

אויפֿן צווייטן טאָג, ווען דזשעק און טאָני האָבן זיך געטראָפֿן, האָבן זיי איינער דעם צווייטן געוויזן אַ שטיקל נײַעס אין צײַטונג, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„די צער־בעלי־חיים געזעלשאַפֿט בעט הילף פֿאַר פֿערד. זי וועט עפֿענען די וואָך צוויי וואַסער־סטאַנציעס פֿאַר פֿערד: איינע אויף וועסט, עלפֿטע גאַס, און איינע אויף שערידאַן סקווער. די געזעלשאַפֿט האָפֿט צו קענען באַזאָרגן מיט וואַסער די הונדערטער לאַסטפֿערד אויף די ניו־יאָרקער גאַסן.“

דאָס שטיקל נײַס האָט זיך אַזוי פֿאַרענדיקט: „מר״ס ל., אַ מיטגליד פֿון דער צער בעלי־חיים געזעלשאַפֿט — דאַנקט די צוויי יינגלעך, מאָו און ניקי, פֿאַר זייער איבערגעגעבנקייט צו לעבעדיקע באַשעפֿענישן און דריקט אויס די האָפֿענונג, אַז מאָו און ניקי וועלן באַלוינט ווערן פֿאַר זייער גוטהאַרציקייט.״

לאַרע

אויסגעפּוצט אין יום־טובֿדיקע ווינטער־קליידער פֿאָרן מר״ס פֿרײַער און איר מיידעלע לאַרע צו אַ קינדער־קאָנצערט.

אויף די טרעפּ פֿון סאָבוויי שטעלט זיי אָפּ אַ בלאַסער יינגל:

— „שײַן! שײַן! שײַן!״

מר״ס פֿרײַער דערקלערט איר נײַגעריק טעכטערל, אַז דאָס איז אַן אָרעמער יינגל, וואָס פּוצט שיך צו פֿאַרדינען אַ פּאָר סענט, און אַז לאַרע זאָל קאָנען בעסער פֿאַרשטיין וואָס עס מיינט פֿאַרדינען, ווענדט זיך מר״ס פֿרײַער צום בלאַנדן יינגל און הייסט אים אָפּפּוצן איר טעכטערלס שיך.

דער בלאַסער יינגל עפֿנט אויף זײַן שוכקעסטל, בעט לאַרען, אַז זי זאָל אַרויפֿשטעלן איר פֿיסל. ער נעמט די באַרשטן, גיט אַ קוק אויף די שיכעלעך און זאָגט:

— „איך קען די שיכלעך ניט פּוצן, זיי זײַנען לאַקירטע.״

— „דו גייסט צו לײַכט אָנגעטאָן פֿאַר אַזאַ קאַלטן טאָג״. — זאָגט מר״ס פֿרײַער צום יינגל, זי רעדט אים

אוים, אַז ער קען זיך נאָך פֿאַרקילן, און זי ראָט אים צו גיין אַהיים.

דער בלאַסער ייִנגל הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף לאָרען און איר מוטער.

— „איך ווייס", — ענטפֿערט ער, — „איך קאָן אָבער ניט גיין אַהיים. איך האָב נאָך ניט פֿאַרדינט גענוג. מײַן מאַמע וואַרט אויף די פּאָר סענט, איך מוז אַהיים ברענגען כאָטש פֿופֿציק סענט, אַפֿילו ווען איך זאָל דאָ דאַרפֿן זיצן אַ גאַנצן טאָג."

— „וויפֿל האָסטו שוין?" — פֿרעגט מר"ס פֿרײַער.

דער ייִנגל ענטפֿערט אַז ער האָט פֿערציק סענט.

מר"ס פֿרײַער גיט לאָרען אַ „דײַם", זי זאָל עס געבן דעם ייִנגל.

לאָרע רוקט זיך צו נאָענט צום ייִנגל און שטופּט אים דעם „דײַם" אין דער האַנט אַרײַן.

דער ייִנגל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין". זיינע ליפּן מורמלען:

— איך קאָן ניט פּוצן די שיכלעך, זיי זײַנען לאַקירטע. איך נעם בלויז געלט פֿאַר פּוצן שיך."

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און גענומען אויסרופֿן:

— „שײַן! שײַן! שײַן!"

אַן אַ הײם

1

אויפֿן גאַס האָבן זיך דערהערט קולות.

דער קלײנער, בלאַסער מאַריץ האָט זיך אַ צעשראָקענער אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. די געשרײען אויפֿן גאַס װערן שטאַרקער, העכער און קומען אַלץ נענטער.

אַ מאָרגנער שײַן האָט פּלוצלונג באַלויכטן די פֿענצטער פֿון גרויסן קינדערשן שלאָפֿצימער.

— „פֿײַער, קינדער, עס ברענט!"

ביַים אויסגעשריי: פֿײַער! שפּרינגט מאַריץ אַראָפּ פֿון זײַן בעטל. ער דערזעט אײנע פֿון די אויפֿפּאַסערינס שטײן לעבן זײַן בעטל. זי האַלט אַ קלײן קינד אויף די הענט און טוליעט עס צו זיך, עס זאָל ניט װײנען. צװײ גרעסערע קינדער האַלטן זיך אָן איר קלײד. די פֿענצטער פֿון גרויסן צימער פֿון דער קינדערהײם זײַנען באַלויכטן פֿון דרויסן. די אויפֿפּאַסערין נעמט מאַריצן פֿאַר אַ הענטל, קוקט צו דער טיר און רעדט מיט אָפּגעהאַקטע װערטער:

— „מאַריץ, מאַריץ, גיכער . . . כאַפּ עפּעס אויף זיך . . . די נאַצים . . . זײ ברענען ייִדישע הײַזער . . . גיכער . . . די קינדערהײם איז ניט זיכער . . . לאָמיר לויפֿן פֿון דאַנען!

פֿון אַלע זײַטן הערן זיך קולות: „פֿײַער, קינדער, עס ברענט!"

שטײנער פֿון גאַס קראַכן דורך די שויבן, צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז פֿליִען איבערן צימער. אַלע לויפֿן אין שרעק פֿון אײן צימער אין צװײטן. עס הערט זיך אַ געװײן פֿון קינדער.

עטלעכע פרויען, מאַמעס, וועמעס קינדער געפי־נען זיך דאָ אין דער קינדערהיים, זײַנען גקומען צולויפן צעשראָקענע און זוכן זייערע קינדער.

— „מײַן קינד, לאָזט מיך ראַטעווען מײַן קינד."

דאָס פײַער קומט נעענטער. דער רויך פילט אָן די שטוב, בײַסט די אויגן. די היץ שטיקט. געוויין, גע־שרייען. . . און דער קליינער מאָריץ שטייט מיט נאָך קינדער אויפן גאַס, אַ האַלב־נאַקעטער און ציטערט פון קעלט און שרעק.

2

מאָריץ ווייסט ניט צי עס איז דרײַ וואָכן, צי דרײַ יאָר זינט די נאַציס . . . ניין, ער וויל אַפילו ניט טראַכטן פון יענער נאַכט, ווען דאָס פײַער האָט אַרומגעכאַפּט די קינדערהיים אין וועלכער ער איז געווען.

ניין, ער וויל ניט געדענקען יענע נאַכט.

אויפן וואָקזאַל זעט מאָריץ אַ סך קינדער, מאַמעס, אויפפּאַסערינס און אַזוי פיל דײַטשישע באַאַמטע!

לעבן אים איז קיינער ניטאָ. ער פילט אַזוי עלנט! ער וויל וויינען.

מאָריץ דערפילט צוויי וואַרעמע הענט אויף זײַנע אויגן.

ער כאַפּט זיי אָן און רופט אויס מיט פרייד:

— „אָ, שוועסטער, אַנכען, גוטע, דו ביסט געקו־מען!"

ער טוליעט זיך צו זײַן שוועסטער און רעדט שטיל ווי צו זיך:

— „דו ביסט געקומען, אַנאַ, דו ביסט געקומען."

מאָריץ הייבט אויף זײַן קעפּל, קוקט אין אַנאַס ברוינע, טרויעריקע אויגן. ביידע זײַנען שטיל און האַלטן זיך אַרומגענומען.

— „שוועסטער, ווען ווען וועל איך דיך זען ? ווען ווע־
סטו קומען קיין ענגלאַנד ?"

אַנאַ דריקט שטאַרק צו זיך איר ברודערל, דרייט אַוועק איר פּנים, מאָריץ זאָל ניט זען אירע טרערן.

זי ענטפערט ניט. זי ווײַזט אָן אויף די אַנדערע קינדער.

מאָריץ פאַרקוקט זיך אויף די קינדער און ער דער־ציילט זײַן שוועסטער, אַז זיי זײַנען הונדערט זעקס און נײַנציק קינדער. אַלע פאָרן זיי קיין ענגלאַנד. ער ווײַזט אויף עטלעכע קינדער:

— „זיי האָבן אויך ניט קיין טאַטע־מאַמע. יתומים, ווי איך... און אַלץ צוליב די נ־אַ־צ..." — און ער רײַסט ווידער איבער, ענדיקט ניט זײַן זאַץ און בלײַבט שטיל.

3

אַנאַ גייט צו מיט מאָריצן צו איינער פון די אַכט לע־רערינס. צו פריילין גוטפריד, וואָס פאָרט מיט די קינ־דער קיין ענגלאַנד. מאַמעס מיט קינדער קומען צו. יעדע שטעלט עפּעס אַ פראַגע. פריילין גוטפריד רעדט ניט. זי קוקט אויף אַלעמען מיט אַ גוטן שמייכל, שווײַגט און שאָקלט מיטן קאָפּ.



ערשט ניט לאַנג צוריק זײַנען די קינדער געווען פֿרעמד איינס דעם אַנדערן, און איצט זײַנען זיי ווי איין פֿאַמיליע. אַט די אַלע קינדער האָבן איצט איין נאָמען: ייִדישע קינדער פֿון דײַטשלאַנד. יעדער קינד טראָגט אויפֿן האַלדז אַ קייטעלע מיטן נאָמען, די קייטעלעך בינדן זיי צוזאַמען. זיי קוקן אויף די קייטעלעך, באַקענען זיך, רופֿן זיך בײַ די נעמען:

— „מאָריץ, אַרנאָלד, פֿרידאַ" — און זיי ווערן פֿרײַנד.

פֿרידאַ, אַ בלאַס, צעניאָריק מיידעלע, שטייט לעבן מאָריצן און וויינט. קיינער איז ניט געקומען מיט איר געזעגענען זיך. דער פֿאָטער איז אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און די מוטער ליגט קראַנק.

4

עטלעכע קינדער גייען צו צו דער וויינענדיקער מיידעלע און טרייסטן זי. זי איז ניט די איינציקע וועמעס עלטערן זײַנען ניט געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע קינדער.

מאָריץ רעדט צו איר און וויל זי אײַנשטילן:

— „איך האָב ניט קיין פֿאָטער, ניט קיין מוטער,



און אַלץ צוליב די נאַציס..." — ער ווערט אַנטשוויגן און האַלט זיך איַן ער זאָל זיך אַליין ניט צעוויינען.

אַ סך קינדער שאָקלען מיט די קעפּלעך.

— „איך אויך... איך אויך... און אַלץ צוליב היט־לערן . . ."

אַנאַ לייגט צו אַ פינגער צו די ליפּן: „ששש. . . ששש . . ."

אַ דיַטשישער באַאַמטער קומט צו און לאָזט וויסן, אַז באַלד קומט אָן די באַן. אַ צווייטער רופט אויס הויך, מיט אַ טרוקענער, האַרטער שטים:

— „אַ יידיש קינד קען מיטנעמען מיט זיך נאָר אַזוי פיל, וויפל עס קען טראָגן אין איין האַנט, אונטערן אָרעם, און טאָר ניט האָבן ביַי זיך מער ווי איין מאַרק!

עס ווערט גאָר שטיל. עס דערהערט זיך אַ פאַר־שטיקטער זיפץ פון אַ מאַמען, וואָס מאַטערט זיך צו מאַכן איר קינדס פעקל אַזוי קליין, אַז דאָס קינד זאָל עס קענען טראָגן אין איין האַנט.

פון דער וויַטן הערט זיך דאָס פיַיפן פון דער אָנ־קומענדיקער באַן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע ווערט אַ טומל, אַ געלאַף. עס הערט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין. מאַמעס און קינ־דער דריקן זיך איינס צום אַנדערן און קושן זיך. עט־לעכע קינדער, יתומים, וועמען קיינער איז ניט געקו־מען זאָגן אַ פאַרגעזונט, טוליען זיך איינס צום אַנדערן און האַלטן זיך פאַר די הענטלעך. מען הערט ניט קיין ווערטער. מע זעט בלויז טרערן, טרערן.

עס דערהערט זיך אַ רוף: — „איַינשטיַיגן! איַינ־שטיַיגן!"

די קינדער געזעגענען זיך. נאָך אַ קוש, נאָך אַ גלעט . . .

— „מאַמע!..‟ — „קינד!..‟
און טרערן פֿינקלען אין די אומעטיקע אויגן פֿון די קינדער און די מאַמעס.

5

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלעפּנדיק די קליינע פּעקלעך אונטער די אָרעמס, רוקן זיך די הונדערט זעקס און נײַנציק קליינע וואַנדערערס צו די ספּעציעל צוגעטשעפּעטע וואַגאָנעס.

מאָריץ איז דער לעצטער אַרײַנצושטײַגן. שטייענדיק אויפֿן טרעפּל פֿון וואַגאָן רופֿט ער אויס מיט אַ ציטערדיק קול:

— „אַנכען, שוועסטער, ווען וועל איך דיך זען?‟

אַ געשריי: — „אײַנשטײַגן, גיכער, אײַנשטײַגן!‟

אַ מאַמע האַלט ניט אויס און פּלאַצט אויס אין אַ געוויין:

— „מײַן קינד, כ׳וועל שוין דיך מער קיין מאָל ניט זען!‟

אַן אַנדער מאַמע כאַפּט אונטער און מיט אַ ביטער געשריי רופֿט זי אויס:

— „מײַן קינד, מײַן קינד! וואוהין פֿירט מען דיך?‟

עס דערהערט זיך אַ פֿײַף. טיכלעך פֿלאַטערן. הענטלעך פֿאָכען אַ לעצטן זײַגעזונט צו די, וואָס זײַנען געבליבן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע.

די באַן רירט זיך, צו ערשט פּאַמעלעך, דערנאָך גיכער, גיכער און ווערט פֿאַרשוואונדן אין דער ווײַטקייט.

אין וואַגאָן, בײַם פֿענצטער, זיצט אַ יינגעלע, יאַקאָב, און טראַכט:

— „מאַמע! מאַמע! וואוהין וועט מיך די באַן ברענגען?‟

אַ כּוס אויף פּסח

1

ווען לאהלע האָט איבערגעציילט איר שלח־מנות־געלט האָט זי ניט אַרײַנגערעכנט דעם זיידנס שלח־מנות. זײַן שלח־מנות איז גאָר געוואָרן אַ פּסח־כּוס.

דער זיידע, אַ הויכער שיינער ייִד מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד און גוטע ברוינע אויגן, האָט געהאַט אַ סך אייניקלעך. שבת פֿלעגט ער זיי דערציילן מעשׂיות און געבן שבת־אויבס; חנוכּה — חנוכּה־געלט און פּורים — שלח־מנות.

אַז עס איז געקומען פּורים האָט דער זיידע שוין געטראַכט פֿון פּסח. פּורים האָט דער זיידע געגעבן דעם אייניקל, וואָס איז אַלט געוואָרן צען יאָר, צוויי רובל שלח־מנות אויף אַ זילבערנעם בעכערל פֿאַר אַ כּוס. און דאָס אייניקל, וואָס האָט געקראָגן דעם זילבערנעם כּוס, האָט געדאַרפֿט פֿרעגן די פֿיר קשיות.

הײַ־יאָר איז זי, לאהלע, געווען דאָס גליקלעכע אייניקל. זי איז אַלט געוואָרן צען יאָר און זי האָט געקראָגן צוויי רובל אויף אַ זילבערנעם כּוס.

לעצטן פּסח האָט פֿישל, דעם פֿעטער מאָריסעס, געקראָגן אַ נײַ זילבערן בעכערל, און ער האָט געפֿרעגט די פֿיר קשיות. זי געדענקט ווי אַלע האָבן אים געלויבט.

דער זיידע האָט אים געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און געזאָגט:

— „פֿישל, דו וואַקסט אַן עילוי.“

— „בײַם הײַ־יאָריקן סדר וועט מען מיך לויבן“, — האָט לאהלע געזאָגט צו זיך אַליין.

2

לאהלע האָט גענומען די צוויי רובל, זיי אויסגע־צויגן, דערנאָך זיי פֿאַרוויקלט ווי אַ בעכערל און גע־זאָגט:

— „איך וויל איר זאָלט מיר ברענגען אַ בעכערל מיט אַ פּיסל און עס זאָל זײַן אויסגעגראַווירט: אויף איין זײַט פּרעה מיט זײַנע רײַטווענן ווי זיי פֿאַלן אַרײַן אין רויטן ים, אויף דער צווייטער זײַט — משה דער באַ־פֿרײַער, אויף דער דריטער זײַט — מרים מיט איר האַרף, און אויף דער פֿערטער זײַט — אַ מגן־דוד."

פֿלוצלונג האָט זיך לאהלע צעלאַכט און געזאָגט:

— „דו נאַרישע מויד (דער זיידע פֿלעגט זי אַזוי רופֿן ווען זי האָט אים געבעטן איבערדערציילן אַ מעשׂה צוויי מאָל), וואָס רעדסטו צו די צוויי רובל? גיי זאָג דעם טאַטן אָדער דער מאַמען וואָס פֿאַר אַ בעכערל דו ווילסט. אָבער „גיי זאָג", אַז גלײַך נאָך פּורים זײַנען אַלע אין הויז געווען פֿאַרנומען מיטן אַרײַנברענגען דעם פּסח.

די מאַמע מיט דער דינסט זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט טראַכטן וועלכער ווינקל פֿון הויז וועט זײַן בעסער פֿאַר דער פֿאַס מיטן פּסחדיקן באָרשטש און וועלכער פֿאַרן קאָרב מיט מצות אַזוי אַז קיין שפּרינקל חמץ זאָל אויף זיי ניט פֿאַלן.

דער טאַטע איז געווען פֿאַרנומען מיט באַזאָרגן מעל אויף מצות, ווײַן, הגדות און כּוסות.

ווען לאהלע האָט געוואָלט מיט אים רעדן וועגן איר נײַעם כּוס, האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן:

— „איך ווייס, איך ווייס דו קריגסט הײַ־יאָר אַ זיל־בערנעם און ניט קיין גלעזערנעם כּוס, געדענק אָבער, אַז דו מוזסט קענען די פֿיר קשיות ווי אַ וואַסער."

לאהלע האָט געלערנט די פיר קשיות, אָבער אין יעדער קשיא האָט זי בלויז געזען איר זילבערן בעכערל, ווי עס פינקלט און שײַנט. אַפילו אין שלאָף האָט זי געזען איר זילבערן בעכערל, ווי עס דרייט זיך אויפן דינעם פיסל און שפרינגט אויפן טיש פון איין טעלער צום צווייטן ביז עס קומט צו איר אָרט, שטעלט זיך אַוועק און זאָגט:

— „אָט בין איך. נעם מיך. איך בין דײַן."

אַזוי האָט לאהלע געלעבט פון פורים ביז פסח טראַכטנדיק וועגן איר זילבערנעם כּוס.

3

לאהלע האָט געוואוסט, אַז ערבֿ פסח איז דער לעצ־טער טאָג און זי וועט מוזן קריגן דעם זילבערנעם כּוס. וועט ער אָבער זײַן אַזאַ ווי זי האָט זיך אים פאַרגע־שטעלט?

זי איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך גיך אָנגעטאָן, געהאָלפן דער דינסט אַרויסרוימען דאָס לעצטע ביסל חמץ פון קיך, געהאָלפן אויסשטעלן דאָס יום־טובֿדיקע געפעס, געהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט, אָבער געטראַכט האָט זי נאָר וועגן דעם זילבערנעם כּוס וואָס זי דאַרף באַלד קריגן. אַלע פאָר מינוט האָט זי געקוקט אויפן זייגער. ענדלעך איז געקומען די לאַנג דערוואַר־טע מינוט.

ביידע, דער טאַטע און די מאַמע, האָבן זי אַרײַנ־גערופן אין גרויסן עסצימער. דער טאַטע האָט אָנגע־הויבן אויספּאַקן אַ פּעקעלע. ער האָט אַראָפּגענומען איין פּאַפּירל, נאָך אַ פּאַפּירל און נאָך אַ פּאַפּירל, און באַלד האָט זיך באַוויזן דאָס זילבערנע בעכערל, אַ בעכערל שענער און גרעסער ווי לאהלע האָט זיך פאַר־

געשטעלט. זי האָט באַלד געכאַפּט דאָס בעכערל, עס געהאַלדזט און געקושט, געטאַנצט פֿאַר גרויס פֿרייד און געזונגען:

„— דער יום־טובֿ פּסח איז טאַקע גרויס
איך, לאהלע, האָב אַ כּוס.
צום סדר וועט מען אָנגיסן אַלעמענס כּוסות
און איך, לאהלע, וועל פֿרעגן די פֿיר קשיות."

— „לאהלע", — האָט דער טאַטע זי אָפּגעשטעלט, — „דו ווייסט אַז איבער דעם בעכערל דאַרף מען מאַכן אַ ברכה, איידער דו וועסט עס קאָנען באַנוצן פֿאַר אַ כּוס?"

— „איך ווייס, איך ווייס", — האָט לאהלע טאַנצנדיק געזונגען — „מען דאַרף עס טובֿלען אין טײַך, איך קאָן די ברכה, און איך וועל עס טובֿלען."

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז פֿריידל, די דינסט, וועט גיין צום טײַך טובֿלען אַ פּאָר נײַע טעפּלעך, וועט זי אויך טובֿלען דאָס בעכערל, ווײַל לאהלע קאָן נאָך, חלילה, אַראָפּלאָזן דאָס בעכערל אין טײַך אַרײַן.

אָבער לאהלע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז זי אַליין, און נאָר זי מוז טובֿלען דאָס בעכערל, איר נײַעם זילבערנעם כּוס. און זי האָט אויסגעפֿירט.

4

דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון האָט געשײַנט און אירע שטראַלן האָבן זיך געבאָדן אין טײַך.

דעם גאַנצן וועג האָט לאהלע געהאַלטן דאָס בעכערל מיט ביידע הענט, אָבער אַז זי איז מיט דער דינסט אָנגעקומען צום טײַך, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ לעבן טײַך, געזוכט אַ פּאַסיק אָרט וואו גרינגער צו טובֿלען דאָס זילבערנע בעכערל.

לאהלע איז געווען זייער פּאַרזיכטיק, זי האָט זיך געזעצט אויף די קני לעבן טײַך, מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אײַנגעטונקען דאָס בעכערל אין וואַסער און שטיל געזאָגט די ברכה.

זי האָט עס געהאַלטן אין טײַך און געלאָזט די שטראַלן פֿון דער שײַנענדיקער זון פֿאַלן אויף איר זיל־בערנעם כּוס. דאָס זילבערנע בעכערל האָט געשײַנט, ווי עס וואָלט געווען געמאַכט פֿון גאָלד.

אַז זי האָט אַרויסגענומען דאָס בעכערל פֿון וואַסער, איז עס געווען אַ ווײַס, זילבערן בעכערל. איר איז אָבער געפֿעלן געווען צו האָבן אַ בעכערל פֿון גאָלד, ווי עס האָט אויסגעזען אין וואַסער, האָט זי עס נאָך אַ מאָל אײַנגעטונקט אין וואַסער און ווידער געקוקט מיט גרויס ליבשאַפֿט ווי עס זעט אויס פּונקט ווי עס וואָלט געווען פֿון גאָלד. אָבער פּלוצלונג האָט לאהלע געגעבן אַ קוויטש, דאָס זילבערנע בעכערל איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון איר האַנט און אַרונטער אין טײַך.

פֿריידל, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיין און האָט געטובלט די נײַע טעפּלעך איז גיך צוגעלאָפֿן, זי האָט זיך אויסגעצויגן לעבן טײַך און מיט אירע לאַנגע הענט אָנגעהויבן זוכן דאָס בעכערל אין וואַסער. זי האָט

אַרויסגעצויגן שטיינדלעך, שטיקלעך האָלץ, אָבער דאָס בעכערל האָט זי נישט געפֿונען.

לאהלע האָט נישט געוויינט, זי האָט נישט געקענט וויינען. זי האָט נאָר געבעטן: — „ליבער טײַך, גיב מיר צוריק מײַן כּוס, איך דאַרף הײַנט פֿרעגן די פֿיר קשיות. איך קען זיי גוט, אָבער אָן דעם כּוס וועל איך נישט קאָ־נען פֿרעגן די פֿיר קשיות."

ווען פֿריידל האָט געהערט ווי לאהלע בעט בײַם טײַך איר צוריק צו געבן דאָס בעכערל, האָט זי אויף גיך אויסגעטאָן אירע שיך, פֿאַרקאַטשעט איר קלייד און אַרײַן אין טײַך. זי האָט געזוכט מיט די אויגן, מיט די הענט און מיט די פֿיס און האָט זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם טיפֿער אין טײַך. לאהלע האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— „פֿריידל, פֿריידל, קום צוריק, דו וועסט נאָך דערטרונקען ווערן."

פֿריידל איז אָבער געגאַנגען אין טײַך אַלץ טיפֿער און טיפֿער ביז זי האָט דערגרייכט די גרעבליע — אַ דאַמבע געמאַכט פֿון שטיינער. זי האָט זיך אײַנגע־בויגן, עפּעס אויפֿגעהויבן, און אויסגערופֿן:

— „לאהלע, איך האָב עס, איך האָב דעם כּוס."

5

בײַם סדר האָט דער זיידע געזאָגט אַז דאָס האָט אליהו הנביא נישט געלאָזט אַז דער כּוס זאָל דער־טרונקען ווערן. אַלע קינדער האָבן פֿון דעמאָלט אָן גערופֿן פֿריידלען, „אליהו הנביאטע."

ניט שולדיק

דאָס איז געווען אין אַ סוף זומער, מאָנטיק אין דער פֿרי. דער געריכט־זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. פּונקט צען אַזייגער האָט זיך געעפֿנט אַ זײַ־טיקע טיר און אין זאַל איז אַרײַן דער ריכטער אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, שוואַרצן ריכטער־מאַנטל. ער האָט פֿון אַ זײַט אַ קוק געטאָן אויפֿן עולם און איז אַרויף אויף אַ ני־דעריקער פּלאַטפֿאָרמע, אויף וועלכער עס איז געשטאַ־נען אַ ווייכער, הויכער שטול, לעבן אַ ברייטן, שווערן דעמבענעם טיש.

דער ריכטער האָט זיך באַקוועם אַרײַנגעזעצט אין זײַן שטול און גענומען זוכן אין די פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן אָנגעגרייט פֿאַר אים. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויסגערופֿן הויך און שאַרף.

— „פֿירט אַרײַן דעם אַרעסטירטן!"

אַ געריכט־אָנגעשטעלטער האָט אַרײַנגעפֿירט אַ יִינגל וואָס האָט אויסגעזען אַ יאָר צען, און אויף וועמעס פּנים עס איז ניט געווען קיין סימן פֿון שרעק.

מען האָט דעם יִינגל אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע ניט ווײַט פֿון ריכטער.

— „און וואָס ווערט דער יִינגל באַשולדיקט ?" — האָט דער ריכטער געפֿרעגט.

אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מאַן אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער פֿאָדערשטער באַנק, איז צוגעקומען צום ריכטערס טיש און מיט געציילטע ווערטער גענומען רעדן :

— „דער יונג איז אַ גנבֿ, ער האָט געגנבֿעט...“

דער יינגל איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן אָרט און מיט היץ אויסגעשריִען:

— „ס'איז ניט אמת! איך בין ניט קיין גנבֿ!“

דער ריכטער האָט אויסגעדרייט זײַן פּנים צום יינגל און אים געפֿרעגט:

— „ווי רופֿט מען דיך, בחורל?“

— „דזשערי איז מײַן נאָמען, און אָט דאָרטן זיצן מײַן טאַטע־מאַמע“. — און ער האָט מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף אַ פּאָרפֿאָלק וואָס זײַנען דערשלאָגענע געזעסן אויף דער פֿאָדערשטער באַנק.

— „הער, דזשערי, לאָז אויסהערן אין וואָס דו ווערסט באַשולדיקט, דערנאָך וועלן מיר הערן וואָס דו האָסט צו זאָגן. שלאָג ניט איבער, זיץ און שווײַג!“ — האָט דער ריכטער גערעדט צו דזשערין שטרענג.

דער אָנקלעגער האָט ווידער גענומען רעדן:

— „ווי איך האָב שוין פֿריִער געזאָגט, יור האָנאָר, איז דער יינגל, דער דזשערי, אַ גנבֿ. ער האָט באַגנבֿעט דעם „זו“. ער האָט אַרויסגעגנבֿעט אַ סך פֿייגל און זיי ערגעץ אַוועקגעטראָגן...“

— „ס'איז ניט אמת!“ — האָט דזשערי ווידער אויסגעשריִען און זיך פֿאַרכאַפּט.

דער אָנקלעגער האָט געקוקט אויפֿן ריכטער און ווײַטער גערעדט:

— „מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן מיר באַמערקט אַז אין „זו“ פֿעלן פֿייגל פֿון דער גרויסער פֿויגל־שטײַג, אין וועלכער עס געפֿינען זיך הונדערטער זעלטענע פֿייגל פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און קלימאַטן. מיר האָבן גענומען היטן, אָבער מיר האָבן גאָרניט אויסגעפֿונען און קיינעם ניט געכאַפּט. לעצטן זונטיק,

נאָך גאָר פֿרי, גלײַך ווי דער „זו״ האָט זיך געעפֿנט פֿאַר די באַזוכערס, האָבן מיר באַמערקט אַט דעם אַ דזשעריין לעבן דער גרויסער פֿויגל־שטײַג. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פֿויגל־שטײַג, אָפּגעבויגן בײַם סאַמע ענד פֿון שטײַג אַ טייל פֿון דער דראָטענער נעץ און עס האָט זיך געשאַפֿן ווי אַ קליין טירל. ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט, אַ כאַפּ געטאָן אַ פֿויגל און צוריק מיט פֿלײַס און פּאָרזיכטיקייט צוגעבויגן צום זעלבן אָרט די אויפֿגעשניטענע דראָטן און ער האָט זיך געלאָזט גיין. מיר האָבן אים געכאַפּט מיטן פֿויגל אונטערן רעקל און אים צוגעפֿירט צו דער שטײַג. מיר האָבן באַטראַכט דאָס אָרט פֿון וואַנען דער יונג האָט געגנבֿעט די פֿייגל.״

— „איך מוז אײַך זאָגן, יור האָנאָר, מיר האָבן געקוקט אויף די קונציק אויפֿגעשניטענע דראָטן, ווי זיי האָבן זיך געעפֿנט און צוגעמאַכט ווי אַ טירל, לעבן אַ ווינקל פֿון דער שטײַג. עס וואָלט שווער געווען זיך צו כאַפּן אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. מיר האָבן געשטוינט, ווי אַזוי אַזאַ קליינער יונג זאָל אָפּטאָן אַן אַרבעט פֿון אַ געשיקטן אײַנברעכער, ווי אַ דערפֿאַרענער גנבֿ. דאָס איז אָנגעגאַנגען אַ שטיק צײַט. דער שאָדן באַטרעפֿט אַ סך, אַ סך געלט.״

דער אָנקלעגער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דער ריכטער האָט זיך געווענדט צו דזשעריין:

— „עס איז אַ זייער שווערע באַשולדיקונג, דזשערי, איז עס אמת?״

— „ס׳איז אמת, יור האָנאָר״, — האָט זיך געהערט דזשעריס אומעטיק קול, — „איך לייקן ניט אַז איך האָב אַרויסגענומען פֿייגל פֿון שטײַג, אָבער איך האָב זיי ניט



גענומען פֿאַר זיך און איך האָב זיי קיינעם ניט אָוועקגעגעבן."

— „וואָס האָסטו געטאָן מיט די פֿייגל וואָס דו האָסט „אַרויסגענומען" פֿון שטײַג? דערצייל אַלץ." — האָט דער ריכטער געבעטן.

— „איך האָב זיי פֿרײַגעלאָזן. איך האָב זיי אַרויסגענומען פֿון שטײַג און זיי אָפּגעלאָזט זיי זאָלן פֿליִען וואוהין זיי ווילן. פֿרײַ! פֿרײַ!" — האָט דזשערי גערעדט און זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן.

— „זאָג נאָר, דזשערי, ווי אַזוי ביסטו געקומען צום געדאַנק צו „באַפֿרײַען" די פֿייגל פֿון „זו"? — איז דער ריכטער, קוקנדיק אויף דזשערין מיט אינטערעס, אָנגעגאַנגען מיט זײַנע פֿראַגעס.

דזשערי האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף זײַן טאַטע־מאַמע, וואָס זײַנען געזעסן אומעטיקע און פֿאַרטרויערטע און ער האָט גענומען רעדן גיך־גיך, אין געאײַל:

— ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אין „זו"

איז מיר דאָרט אַלץ געווען געפֿעלן. מער פֿון אַלץ איז מיר געווען געפֿעלן די גרויסע פֿויגל־שטײַג מיט די אַלערליי פֿייגל. אַזוי פֿיל קאָלירן, אַזוי פֿיל שיינע פֿעדערן, און אַ סך פֿייגל זינגען אַזוי שיין! אַלע מאָל פֿלעג איך שטיין לעבן דער שטײַג, קוקן אויף די פֿייגל און זיי ציילן. איין מאָל האָב איך זיך צוגעהערט צום געזאַנג פֿון אַ פֿייגעלע. עס האָט געקלונגען אַזוי אומעטיק, אַזוי פֿאַרבענקט, אַז מיר האָט פֿאַרקלעמט בײַם האַרצן און איך האָב געוואָלט וויינען."

— „פֿאַר וואָס זינגט דאָס פֿייגעלע אַזאַ אומעטיקן ניגון?" — האָב איך זיך געפֿרעגט, — „עס מוז אַוודאי בענקען, עס וויל אַוודאי זײַן פֿרײַ, פֿלִיען אין דער הייך, צו דעם בלויען הימל, צום וואַלד, זיצן אויף די צווײַגן פֿון די ביימער." און איך האָב זיך געפֿרעגט:

— „דזשערי", — וואָלטסטו געוואָלט זיצן געפֿאַנגען אין אַ שטײַג, ניט זען דײַן טאַטע־מאַמע, ניט קענען גיין וואוהין דו ווילסט און זײַן וואו דו ווילסט?" — און איך האָב זיך געענטפֿערט: — „ניין! איך וויל ניט זײַן פֿאַרשפּאַרט, געפֿאַנגען. איך וויל זײַן פֿרײַ! מע דאַרף זײַן פֿרײַ! און איך האָב באַשלאָסן צו באַפֿרײַען אַלע פֿייגל פֿון דער גרויסער שטײַג."

דזשערי איז געבליבן שטיל. ער האָט געקוקט אויפֿן ריכטער. ער האָט אַרײַנגעגראָבן זײַנע אויגן אין ריכטערס פּנים און מיט אַ געבעט אין די אויגן געוואַרט.

אין זאַל איז געווען שטיל, אַזוי שטיל אַז מען האָט געקענט הערן ווי די מענטשן אָטעמען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דזשערי ווידער אָנגעהויבן רעדן, ווי עמעצער וואָלט אים געשטופּט. ער האָט גערעדט שטיל, ווי ער זאָל זײַן מיד:

— „כ'האָב פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן. דעם קומענדיקן

זונטיק, גאַנץ פֿרי, בין איך אַוועק אין „זו”. איך בין געווען דער ערשטער אין „זו”. איך בין באַלד געווען לעבן דער גרויסער פֿויגל־שטײַג. איך האָב מיט זיך געהאַט אַ קליין שטאָלן זעגעלע, אַ שאַרפֿס, זייער אַ שאַרפֿס. גיך האָב איך גענומען זעגן די דראָטן לעבן איינער פֿון די שווערע שטאַנגען, אויף וועלכע עס הענגט די דראָטענע שטײַג. האַרט לעבן דער ערד האָב איך די דראָטן געזעגט, געזעגט, געזעגט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב די דראָטן אויסגעזעגט ווי אַ C. מען האָט די אויפֿגעשניטענע דראָטן געקענט בייגן אויף הין און צוריק, ווי אַ טירל. עפֿענען און צומאַכן. אויף מײַן גליק איז קיינער ניט געווען לעבן דער שטײַג.”

— „כ'האָב אויף גיך אַרויסגענומען דורך דער עפֿענונג אַ פֿויגל, צוריק צוגעבויגן די דראָטן צו זייער פֿרי־ערדיקן אָרט אויף דער שטאַנג, אַז מען האָט ניט געקענט דערקענען אַז די דראָטן זײַנען איבערגעשניטן. איך האָב דעם פֿויגל אַרויסגעטראָגן פֿון „זו” אונטער מײַן רעקל און עס פֿרײַ געלאָזט. דער פֿויגל האָט זיך אַזוי דערפֿרייט, עס איז באַלד אַוועקגעפֿליגן, הויך, הויך און פֿאַרשוואונדן. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעג איך יעדן זונטיק זײַן דער ערשטער אין „זו” לעבן דער פֿויגל־שטײַג, עפֿענען מײַן טירל, אַרויסנעמען אַ פֿויגל אַ מאָל צוויי און זיי פֿרײַ לאָזן.”

— „האָסט עפּעס אַ סך פֿייגל באַפֿרײַט?” — האָט דער ריכטער אַ פֿרעג געטאָן דזשערין און מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט דעם שמייכל אויף זײַנע ליפּן.

— „כ'האָב ניט געציילט, נאָר אַ סך!” — האָט דזשערי שטיל געענטפֿערט.

עס האָט זיך געהערט אַ געלעכטער צווישן עולם.

— „אָרדענונג אין געריכט!” —האָט דער ריכטער אויסגערופֿן.

— „יור האָנאָר“, — האָט דער אָנקלעגער זיך געווענדט צום ריכטער, — „דער שאָדן באַטרעפֿט מער ווי זעקס הונדערט דאָלער. עמעצער דאַרף דערפֿאַר באַצאָלן.“

— „דזשערי, דו הערסט? דער שאָדן באַטרעפֿט מער ווי זעקס הונדערט דאָלער. דײַנע עלטערן וועלן עס דאַרפֿן באַצאָלן.“ — האָט דער ריכטער געציילט זײַנע ווערטער.

דזשערי, אַ פֿאַרציטערטער, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן שטול, אָנגעכאַפּט דעם ריכטער פֿאַר דער האַנט און אויסגעשריִען:

— „ניין! ניין! מײַנע עלטערן זײַנען ניט שולדיק! איך בין שולדיק! איך בין שולדיק! מײַן טאַטע איז אַן אָרעמער אַרבעטער, ווי קען ער באַצאָלן אַזוי פֿיל געלט? איך האָב ניט געטאָן קיין שלעכטס, כ׳האָב בלויז געוואָלט באַפֿרײַען געפֿאַנגענע פֿייגל. איך האָב ניט געטאָן קיין שלעכטס!“ — און ער האָט זיך הויך, אויף אַ קול צעוויינט.

דער ריכטער איז געשטאַנען לעבן דזשערין, ער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— באַרואיק זיך, יינגל, וויין ניט. הער. ביסטו אַ גוטער יינגל? פֿאָלגסטו דײַן מאַמען?“

— „איך בין אַ גוטער יינגל. איך פֿאָלג אַלע מאָל מײַן מאַמען, שטענדיק. איך האָב בלויז ליב פֿייגל.“ — האָט דזשערי געצויגן די ווערטער און מיט די פֿינגער געווישט די טרערן פֿון די אויגן.

— „נו, אויב אַזוי, דזשערי“, — האָט דער ריכטער אָנגעהויבן, האַלטנדיק זײַן האַנט אויף דזשערים קאָפּ, און זײַן פּנים איז געוואָרן ערנסט און זײַן שטים שטרענג, — „אויב אַזוי, באַשטראָף איך דיך, אַז דו זאָלסט זײַן

אין רשות פֿון דײַן טאַטע־מאַמע, דו זאָלסט זײ שטענדיק פֿאָלגן און דו זאָלסט לאָזן צו רו די פֿײגעלעך אין „זו". דו הערסט?"

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַטשערײַ.

— „אָרדענונג אין געריכט!" — האָט דער ריכטער שטרענג אויסגערופֿן און איז מיט גיכע טריט אַרויס פֿון געריכט־זאַל דורך דער זײַטיקער טיר.

דער פּרינץ משה

1

איז געשוואומען אַ קעסטל געמאַכט פֿון יאַמש, אויסגעקלעפּט מיט פּעך און ליים, איז געשוואומען דאָס קעסטל שטיל אויפֿן טײַך ניל.

אין קעסטל איז געלעגן אַ ייִנגעלע וואָס איז אַלט געווען דרײַ חדשים. ער האָט געוויינט ווי ער וואָלט רופֿן: — „מאַמע, מאַמע...״

אין טײַך האָט זיך דעמאָלט געבאָדן דעם קיניג פּרעהס טאָכטער, און צווישן די קוסטעס איז געשטאַנען באַהאַלטן מרים, די שוועסטער פֿון דעם קינד וואָס איז אין קעסטל געשוואומען.

ווען די פּרינצעסין האָט דערהערט דעם קינדס געוויין, איז זי געבליבן אַ דערשראָקענע שטיין און זי האָט באַפֿוילן די דינסטן זיך מיִען און דאָס קעסטל פֿון וואַסער אַרויסציִען.

ווען זי האָט דערזען אין קעסטל דאָס קינד, האָט זי געזאָגט:

— „דאָס האָט אים אַ ייִדישע מאַמע באַהאַלטן, אַז מײַן פֿאָטערס זעלנער זאָלן אים ניט טייטן. ער איז קליין און שיין. איך וועל אים אַהיים צו זיך נעמען."

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט און דערנאָך זיך צעלאַכט:

— „מײַן פֿאָטער, דער מעכטיקער פּרעה, און זײַנע מיניסטאָרן, הייסן טייטן אַלע ייִנגלעך וואָס ווערן בײַ ייִדן געבוירן. קום איך, זײַן טאָכטער, די פּרינצעסין, גרייט צו געבן דעם קינד אַהיים און עסן. איך וועל ווערן זײַן מוטער..."

דאָס האָט דערהערט מרים, דעם קינדס שוועסטער. איז זי צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין, זיך פֿאַרנייגט און געזאָגט:

— „גנעדיקע פּרינצעסין, איך זע אַז דו האָסט פֿון טײַך אַ קינד אַרויסגעצויגן. איך קען אַ פֿרוי פֿון ייִדישן שטאַם, זי וועט מיט פֿאַרגעניגן ווערן דעם קינדס אַם און אים זויגן."

דערהערנדיק דעם קינדס געוויין, האָט די פּרינצעסין געהייסן גיך מרימען צו דער פֿרוי גיין.

און מרים, זי איז ניט געגאַנגען — זי איז געלאָפֿן און געבראַכט דעם קינדס מאַמע. יוכבֿד איז איר נאָמען געווען.

— „יוכבֿד", — האָט געזאָגט די פּרינצעסין, — „נעם דאָס קינד און גיב אים עסן. דערנאָך ברענג אים אין קיניגלעכן פּאַלאַץ. איך וועל זיך באַמיִען אים צו דערציִען ווי מײַן זון און ווי אַ פּרינץ. משה וועט זײַן נאָמען זײַן, ווײַל איך האָב אים פֿון וואַסער אַרויסגענומען."

די פּרינצעסין האָט ניט געוווּסט אַז זי רעדט צו דעם קינדס מאַמען.

און די מאַמע ? — זי האָט משהן מיט איר מילך גע־זויגן און מיט איר האַרץ ווי אַ ייִד דערצויגן. זי האָט אים געלערנט פֿײַנט צו האָבן שקלאַפֿערײַ, ער זאָל זײַן שטאָם געטרײַ זײַן, ער זאָל זײַן מוטיק און בראַוו און ווערן דער באַפֿרײַער פֿון זײַנע ברידער.

און יעדער מאָל ווען זי האָט משהן אין קיניגלעכן פּאַלאַץ געבראַכט, האָבן אים אַלע פּאַר אַ פּרינץ באַ־טראַכט. אַפֿילו פּרעה האָט ליב געהאַט מיט אים זיך צו שפּילן און ווי זײַנס אַן אייניקל באַטראַכט.

ווען משה איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר, האָט די פּרינ־צעסין געפּראַוועט זײַן געבוירן־טאָג מיט אַ שיינער סעודה. עס זײַנען געקומען דער קיניג פּרעה און זײַנע מיניסטאָרן.

דער קליינער וואַסער־פּרינץ, ווי מען האָט אים גע־רופֿן, איז לעבן קיניג אויבנאָן געזעסן און געקוקט פֿאַר־וואונדערט, ווי אַלע טרינקען און עסן פֿון גילדערנע טעלער מיט זילבערנע לעפֿל.

פּלוצלונג האָט זיך משהן פֿאַרגלוסט גראָד זיך אַ שפּיל טאָן מיט פּרעהס לאַנגער באָרד. און ווען די קליי־נע הענטלעך זײַנע זײַנען אין פּרעהס באָרד אַרײַנגע־קראָכן, האָבן די מיניסטאָרן אויסגעשריִען:

— „דאָס קינד האָט קעגן געזעץ פֿאַרבראָכן!"

זיי האָבן אויסגעטײַטשט, אַז דער וואַסער־פּרינץ, וואָס איז ערשט אַלט דרײַ יאָר, וויל אויסרײַסן דעם קיניגס האָר.

אָבער די פּרינצעסין האָט דעם קיניג פֿאַרזיכערט אַז דאָס קינד ווייסט ניט פֿון קיין שלעכטע געפֿילן. עס האָט ליב דעם קיניג און ער האָט זיך בלויז געוואָלט מיט זײַן שיינער באָרד שפּילן.

— „פֿאָטער, נעם דאָס קינד אויף דײַנע קני״, — האָט זי זיך בײַ פּרעהן געבעטן, — „לאָז זיך פֿון דעם קינדס ווייכע הענטלעך גלעטן. ער איז אַ גוטער יִנגל, קלוג און שיין...״

אין דער מינוט האָט דער וואַסער־פּרינץ אַראָפּגע־כאַפּט פֿון פּרעהס קאָפּ די קרוין.

און גלײַך די קרוין אויף זײַן קליין קעפּל אַרויפֿגע־טאָן.

די קיניגין און פּרינצעסין האָבן זיך שטאַרק צע־לאַכט, און אויסגערופֿן:

— „די קרוין פּאַסט דעם פּרינץ, אַ פּראַכט!..״

אָבער בלעם, דער כּישוף־מאַכער, איינער פֿון די הויפּט־מיניסטאָרן, האָט געגעבן אַ געשריי מיט צאָרן:

— „אַראָפּנעמען דעם קיניג פּרעהס קרוין איז ניט קיין געלעכטער. דאָס איז ניט קיין שפּיל, נאָר אַ סימן אַ שלעכטער. די פּרינצעסין האָט דעם פּרינץ פֿון וואַ־סער אַרויסגעצויגן, דערנאָך האָט ער בײַ אַ יִדישער מאַמען געזויגן און זיך אין פּאַלאַץ ווי אַ פּרינץ דערצויגן. מיר ווייסן אָבער אַלע, אַז משה איז אַ יִדיש קינד. איך ראָט דעם קיניג פּרעה אים צו טייטן געשווינד.״

3

די קיניגין, די פּרינצעסין און אַ סך מיניסטאָרן האָבן געבעטן פּרעהן ניט צוצוהערן זיך צו דעם הויפּט־מי־ניסטער.

פּרעה אַליין האָט דאָס קינדערשפּיל ניט געקענט פֿאַרשטיין, און אויך ניט דערקלערן. האָט ער געהייסן רופֿן די ריכטערס און צו זייערע רייד זיך צוהערן.

די ריכטערס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף נידעריקע שטולן און געטראַכט אַ ביסל.

דערנאָך האָבן זיי געהייסן ברענגען צוויי גרויסע

שיסלען. איין שיסל האָבן זיי מיט טײַערע שטיינער, ווי אין דער קרוין, אָנגעפּילט. און די צווייטע מיט ברע־נענדיקע קוילן וואָס האָבן ווי פֿײַער געגליט.

זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די צוויי פֿולע שיסלען, אויף אַ קליין, שיין אויסגעפּוצט טישל.

די ריכטערס האָבן געבעטן די פּרינצעסין, דעם וואַ־סער־פּרינץ משהן לעבן די שיסלען אַוועקצוזעצן.

און זיי האָבן שטיל דערקלערט, אַז משה דאַרף פֿון די שיסלען אויסקלײַבן: טויט אָדער לעבן. . .

— „וועט משה נעמען די הייסע, גליִענדיקע פֿײַער־רויטע קוילן, וועט דאָס ווײַזן, אַז ער האָט בלויז מיט דער קרוין זיך געוואָלט שפּילן. וועט ער אָבער צו די טײַערע שטיינער זיך צורירן, וועט עס ווײַזן, אַז דער וואַסער־פּרינץ וויל איבער עגיפּטן רעגירן. און ער וועט מוזן זײַן יונג לעבן גלײַך פֿאַרלירן. . .“

די פּרינצעסין האָט זיך לעבן משהן אַוועקגעשטעלט

און שטיל אין האַרצן געבעטן ער זאָל די הייסע קוילן און ניט די טײַערע שטיינער נעמען . . .

און משה ? — דער וואַסער־פּרינץ, זיצט דערשראָקן אַ ביסל. מען הייסט אים נעמען וואָס ער וויל, אָבער נאָר פֿון איין שיסל ?

ער טראַכט : — „יוכבד וואָלט אים געזאָגט, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט."

די ריכטערס רופֿן אויס :

— „נעם, קינד, וואָס דו ווילסט, די זאַכן זײַנען שיין פּונקט ווי דעם קיניגס קרוין."

משה קוקט אַהין, קוקט אַהער, און אָט שטרעקט ער אויס זײַן הענטל צו די טײַערע שטיינער . . .

פּלוצלונג פֿילט ער ווי עמעצער שטופּט אים . . . אפֿשר דער מלאך גבֿריאל. און משה בלײַבט זיצן דערשראָקן מיט אַן אָפֿן מויל. זײַן האַנט ציט זיך צו דער שיסל פֿון וואַנען ער כאַפּט אַרויס אַ ברענענדיקע רויטע קויל. די הייסע קויל האָט זײַן האַנט געברענט, האָט ער זי מיט דער ברענענדיקער קויל גיך אַרײַנגע־שטופּט אין זײַן אָפֿן מויל. און ער האָט זיך די צונג אָפּגעבריט, אָבער דערפֿאַר האָט ער פֿון טויט זיך אויסגעהיט.

דאָס איז געווען משהס ערשטער קאַמף מיט פּרעהן און זײַנע מיניסטאָרן.

און ער איז שפּעטער דער יידישער באַפֿרײַער גע־וואָרן.

משה האָט שפּעטער געלערנט די יידן, ווי מען קען פֿון שקלאַפֿן־קייטן אַ פֿרײַ פֿאָלק אויסשמידן.

דער ייִנגל פֿון קעסטל האָט באַוויזן אַ סך, אַ סך וואונדער, וואָס עס דאַרפֿן לערנען גרויסע און קליינע קינדער.

מירעלע און אירע פריינד און אנדערע מעשיות

פון שרה ל. ליבערט

אילוסטרירט פון מאשע פישער

(אחוץ די אילוסטראציעס אויף די זייטן 10, 69, 74 און 78)

אינהאלט:

	זייט
דאס קראנקע הינדעלע	3
דער שפיטאל	7
די קעצעלעך	11
מירעלעס געבוירנטאג	17
ווינטער אין דארף	24
מירעלע גייט רייסן גרינס אויף שבועות	27
דער קלוגער אייזל	31
דאס פארלארענע פייגעלע	38
מאו און ניק	46
לארא	52
אן א היים	54
א כוס אויף פסח	60
ניט שולדיק	66
דער פרינץ משה	74

א הארציקן דאנק פריינד י. קאמינסקי פאר העלפן מיר צו־גרייטן דעם מאנוסקריפט צום דרוק און פאר אויפפאסן אויף דעם טעכנישן טייל פון דרוקן דאס ביכל.